LIBRARY
OCT
1970
UNIVERSITY OF TORONTO

אלע אנגליציזמען פארטייטשט — זעהט די ביילאגע צום זעקסטען בוך פון משה נאדיר'ס שריפטען.

פארלאג „ווערבע".

אלע אנגליציזמען פארטייטשט — זעהט די ביילאגע צום זעקסטען בוך פון משה נאדיר׳ס שריפטען.

פארלאג „ווערבע“.

# אינהאלט:


שנעלע באלמעלאָכעס — — — — — — — — — זייט 5
די עסטאבאנאניסטען — — — — — — — — ״ 11
א אידישע טבע — — — — — — — — — ״ 17
צוויערליי מעטאָדען — — — — — — — — ״ 24
דער גרויסער געשעפטסמאן — — — — — — — ״ 29
רואינירט דורך ס ו ק ס ע ס — — — — — — ״ 37
אויפגעגעסען א ביזנעס — — — — — — — — ״ 43
איך — אלס ביישפיעל — — — — — — — — ״ 48
איך אלס ווידערקול — — — — — — — — — ״ 55
דער רעגעלמעסיגער חלש׳ער — — — — — — — ״ 59
א ברויטגעבער — — — — — — — — — — ״ 64
א זויבערער רעסטאָראן — — — — — — — — ״ 69
נאָטום און פראָטום — — — — — — — — ״ 74
די גראשיציאָנער — — — — — — — — — — ״ 80
פרעזענטען — — — — — — — — — — — ״ 86
מיין ערשטער דעפאָזיט — — — — — — — — ״ 98
א משפחת־פעהלער — — — — — — — — — ״ 91
מע וואָלט געקאָנט לעבען, נאָר מע לאָזט נישט — ״ 95
גיב איהם פינפערלעך — — — — — — — — ״ 105
ת׳נ׳צ׳ב׳ה — — — — — — — — — — — ״ 109
מזל דארף מען האָבען — — — — — — — — ״ 112
קרקע — — — — — — — — — — — — ״ 120
דער קונצענמאכער — — — — — — — — — ״ 126
מאדאַם פארפאציא — — — — — — — — — ״ 130
מאָפעלטע קאָנקורענץ — — — — — — — — ״ 139
די מיטעלמעסיגקייט פון קליין און גרויס — — ״ 143
צוויערליי מאָראלען — — — — — — — — — ״ 147
פריילין רויזענהארץ — — — — — — — — — ״ 151

מאכט זי צו מיר: איהר וועט מיר ערלויבען זיך אוועקצוזעצען אויף אייער בעטעל. עס הייסט גאנץ פשוט, אז איך וויל מיט אייך נישט האבען קיין עסקים, דערפאר ווייל איך האב אייך נישט ליעב. מיין הארץ ציהט מיך נישט צו אייך. איך וויים — זאגט זי — אז ס'איז גרויזאם פון מיר צו רעדען אזוי. אבער איך קאן זיך נישט העלפען. איך וויל נישט, אז א מענש זאל האבען צוליעב מיר אומזיסטע האפנונגען. איך מוז אייך זאגען — איז זי ארויפגעפאלען אויף מיר מיט ביידע הענט און גענומען וויינען ווי צו סליחות — איך מוז אייך זאגען, אז פון דעם ערשטען טאג וואס איך האב אייך דערזעהען, זענט איהר מיר נישט געפעלען. בין איך אייך געקומען זאגען, אז אין מיינע געפיהלען צו אייך איז פאראן עפים אזוינס — האט זי געזאגט און מיך פעסט צוגעדרוקט צו זיך — אזוינס וואס שטויסט אפ. וואס איז נישט סימפאטיש. און דעריבער בין איך צו'נ'אייך גלייכגילטיג, קאלט און — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

שלום־מאנאלאג: אה, פרויען, ווער קאן אייך פאר־שטעהן? ווער קאן אייך אפשאצען? ווער קאן באגריי־פען אייערע וועגען, א גאט?

פיין גייסטינע און דאָס עקעלט מיך. מיט גרוס, רויזענ־
האַרץ.

פּ. ס. מיין באשלוס, אז איהר זאָלט נישט קומען צו מיר אין מיין סעפּעראַטען צימער, אין נומער 143½ ריווילענסי סטריט, צווייטען פלאָר, לינקס, עלף אויף דער טיר, יעדן טאָג צווישען זיבען און צעהן, אחוץ פריי־טאָג איז א פּעסטער און קיין זאך אין דער וועלט קאָן דאָס נישט איבעראנדערשען.

אכטונג־פול, ריזעלבע."

איבערגעלעזען דעם דאָזיגען בריעף, האָב איך איהם א שליידער געטון פון זיך מיט גרויס כעס, אויסגעשפּי־ען עטליכע מאָל, אויסגעדריקט צו דער סטעליע מיין האָפנונג, אז זי וועט אין גיכען איבערגעפאָהרען ווע־רען פון אן אויטאָמאָביל, אָדער שטארבען א נאטירליכען טויט — צום גוטען יאָהר!

ווידער זענען אוועק עטליכע טעג, איך האָב זיך פארנומען מיט מיין ארבייט און שוין געהאט אין גאנ־צען פארגעסען אין דער רויזענהארציגער פריילין, ווען איינמאָל — — —

ס'איז געווען ארום עלף א זייגער ביינאכט, איך בין געזעסען ביי זיך אין צימערעל, אָנגעטון אין מיינע סאמע אינטימסטע קליידער און זיך געמאכט באקוועם מיט מיין ליולקע, ווען פּלוצים, זעהר פּלוצים, נאָך פּלוצימער ווי דאָס, האָט זיך געעפענט די טיר און ס'איז אריינגעקומען מיין פריילין רויזענהארץ.

מאכט זי צו מיר: גוטענאווענט!

מאך איך צו איהר: א גוט יאָהר. וואָס קאָן איך טון פאר אייך?

מאכט זי צו מיר ברוגז'לעך: איהר קאָנט פאר מיר גאָרנישט נישט טון. אדרבא, וואָס ווייניגער איהר וועט פאר מיר טון, אלץ געזונטער וועט זיין פאר אונז ביי־דען.

מאך איך צו איהר: וואָס הייסט?

און נישט מיין קערפּער. מיט גרוס, פריילין רויזענ־הארץ.

פּ. ס. עס טוט מיר לייד אייך צו זאָגען אָפּענהערציג, אז איך קאָן אייך נישט ענטפערען אויף אייער ליעבע. איך בין נאָך צו יונג צו טראכטען פון האָבען קינדער און זיין צוגעבונדען צו א מאן, איך הויב ערשט אָן צו לע־בען אויף דער וועלט. — דיזעלבע."

— אָט האָסטו דיר א נייע אָנטשעפעניש! — האָב איך געזאָגט צו זיך, נאָכדעם ווי איך האָב איבערגעלעזען דאָס דאָזינע בריוועל — אָט האָסטו דיר די דריטע טעג יום־טוב. נאָך זי פעהלט מיר צו מיינע צרות — זי מים דעם איינזאמען האָרעלע אויף דער מאָרדע — ברר!

איך האָב איהר פונדעסטוועגען גאָרנישט געענט־פערט, ווייל איך האָב נישט געוואָלט אָנקניפּען מיט איהר קיין קאָרעספּאָנדענץ. מיין באגעגעניש מיט איהר איז שוין אזוי אויך געהאנגען איבער מיין לעבען ווי א שאָטען פון אן אומגליק.

געהען אוועק עטליכע טעג, דערהאלט איך נאָך א בריוועלע, שרייבט זי אזוי:

„ווערטער הערר פידוואָלינע!

מיט עטליכע טעג צוריק האָב איך אייך געשריבען א בריעף, אין וועלכען איך האָב אייך אויפמערקזאם געמאכט, אז די באציהונגען צווישען אונז זענען אזוי גוט ווי איבערגעריסען. איך פארלאנג נישט, איהר זאָלט קומען צו מיר, אין סעפּעראט צימער אין נומער 143½ ריווילענסי סטריט, דעם צווייטען פלאָר, לינקס, עלף אויף דער טיר, צווישען זיבען און צעהן יעדען אָוונד, אחוץ פרייטאָג. איך וויל אויך זאָגען, אז אייער האנד־לונג נעגען דאמען איז נישט זעהר קיין שעהנע. א מענש ווי איהר, האָט זיך געמענט באנעמען אביסעל איידעלער און אונטערדריקען זיינע ליידענשאפטען. איך ווייס אז אייער ליעבע צו מיר איז בלויז א קערפּערליכע און נישט

זעהר גלייכגילטיג, קוקענדיג בשעת מעשה אויף אן איינ־ואמע האר וואס האט ארויסגעשפראצט פון איהר פינ־באק.

— און מ'מאר נישט זיין צו פריינטליך צו אייך, אז נישט, מיינט איהר גאט־ווייס־וואס.

— מיינט איהר, אז גאט־ווייסט־וואס! — האב איך איהר נאכגעקרעכצט און באטראכט איהרע פארשלאפענע אויגען, וועלכע זענען געהאנגען ווי פארדרויכערטע לאמ־טערענדלעך, איבער אן אלט, איינגעפאלען הויז.

— פליעז, האלט זיך א ביסעל פון דער ווייטענס!

— האלט זיך א ביסעל פון דער ווייטענס! — האט זי געזאגט, זעהענדיג ווי איינער פון מיינע פיס קלייבט זיך אוועקצוגעהן — און זייט נישט אזוי —

מעהר האב איך נישט געהערט, ווייל איך האב א געניץ געטון און בין אוועק, צו אנדערע יונגע דאמען, וואס האבען זיך געפונען אין דעם הויז, וואו מ'האט מיך געהאט פארגעשטעלט פאר פריילין רויזענהארץ.

יענעם אווענד האב איך שוין מעהר נישט גערעדט צו איהר, האב זי אויסגעמידען ווי א בעל־חוב, און זי אפילו נישט אנגעריהרט מיט אן אויג.

מיט א טאג שפעטער האב איך דערהאלטען א שמע־קעדיג בריוועל, מיט־אט אזא נוסח:

„ליעבער הערר פידוואלינע!

איך מוז אייך זאגען ,אז ס'איז נישט שעהן פון אייער זייט, וואס איהר האט זיך אזוי אויפגעפיהרט נעכטען ביינאכט. יערעס מאל, וואס אייערע בליקען האבען זיך באגעגענט מיט מיינע, האב איך געפיהלט ווי זיי עסען זיך אריין אין מיין יונגענדליכען קערפער, ווי זיי פאר־שלינגען מיך, מיט זייער ליידענשאפט. — פוי! איך האב זיך נישט געריכט, אז אין דער קורצער צייט וואס מיר קאנען זיך, וועט צווישען אונז פארקומען אזא זאך. איך האב אלץ געמיינט, אז איהר האט ליעב מיין נשמה

# פריילײן ראָזענהאַרץ

ס'האָט אונז פאָרגעשטעלט איינס פאר ס'אנדערע:
— פריילײן רויזענהאַרץ.
— הערר פידוואַלינע!
איך, הערר פידוואַלינע, האָב זיך פאַרנייגט, געזאָגט דאָס באריהמטע ווערטעל „עס פרעהט מיך אייך צו קאָנען" און — האָב געוואָלט אוועקגעהן, ווייל דאָס פריילײן האָט מיך נישט פאראינטערעסירט, איז מיר נישט אריין אין הארצען, ווי עס מאכט זיך אמאָל מיט א מיידעל וואָס מען האָט זי דיר ערשט פאָרגעשטעלט און וואָס דו ערוואַרטעסט נאָך פון איהר זעהר פיעל.
זי האָט געזאָגט — דורך שיטערע און געלע ציין:
— דוכט זיך, אז איך האָב אייך שוין אמאָל באגעגענט ערגיץ?
איך האָב אוועקגעקוקט און געזאָגט מיט א געניין:
— עס קאָן זיין.
זי האָט געזאָגט:
— פליעז, נאָר נישט מיט די הענט. איך האָב דאָס פיינט.
איך האָב געזאָגט:
— ווער טשעפּעט אייך דען? — ווער ריהרט אייך דען אָן? איך האָב זיך בלויז געוואָלט א טאפּ טון ביים קראוואט. נישט מעהר.
— קראוואט? הא? מעהר האָט איהר גאָרנישט געוואָלט? נו־יאָ. איך קאָן אייך גאנץ גוט איהר מאנס־בילען, און מי־ווייסען, אז מען דאַרף אייך אויסמיידען.
— אייך אויסמיידען — האָב איך איהר נאָכגעזאָגט,

טייערסטער. איך ווייס פאר א כח די זינד האָט, איך אליין האָב א ו י ך אמאָל געשפּילט א ליעבע מיט א יונגענמאַן און...

מעהר האָט זי נישט געקענט רעדען, זי האָט נישט געהאַט צו וועמען צו רעדען, מחמת יואל, אָדער היינריך, אָדער איוואַן, אָדער מ׳קיעף, האָט געכאַפּט מ׳קאַפּעליוש און איז אַנטלאָפען — מיט דעם גרעסטען אַנטלויפעניש וואָס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלען... — — — — — — —

געשרייען פון אלע לעזוערקעס: „אזא פארך! אזא שטיק ניקס! אזא נאָרנישט!... צו פארלאָזען א כלה אכט טעג פאר דער חתונה! מאַלע אז סע מאַכט זיך אמאָל“...

צוריקגעשריי פון שרייבער פון דיזע ציילען: „ריכטיג, ווי גאָלד! מאַלע, אז סע טרעפט זיך אמאָל!... מ׳איז דאָך נישט מעהר ווי א מענש!... קומט דערפאר איבערצולאָזען א כלה און צו אַנטלויפען? פע!“

ריענענט פון זיינע אוינגען און נאָס געמאַכט דעם רוזש און דעם פודער (בעסטע קוואַליטעט) פון איהרע באַקען...

א ווײלע איז געווען שטיל.

נ אָ ך  א ווײלע איז געווען שטיל.

ו ו י ד ע ר  א ווײלע איז געווען שטיל.

ענדליך איז געוואָרען — גאָר שטיל.

דאַן האָט זי זיך אָפּגערופען צו איהם:

— רעד! איך וויל אַלצדינג וויסען...

און ער האָט ווידער אָנגעהויבען גלעטען די אונשול־דיגע קעפּלעך פון איהרע פאַרשניצטע פינגער און ער האָט געזאָגט:

— ס'איז מיר שווער צו רעדען דערפון... איך ווייס אַז דו וועסט מיר קיינמאָל נישט מוחל זיין, אָבער דער אמת איז ביי מיר טייערער פון אַלצדינג. איך מוז דיר זאָגען, מיין טייערסטע, אַז איך האָב שוין אַמאָל געליעבט אַן אנדערע... א פאַרהייראַטע פרוי... אָבער" — דאָ איז ער צוגעפּאַלען צו איהרע קניען און געפּלאַמכעט ווי א ביי־בער — „אָבער דו קענסט עס", זאָגט ער, „נישט פאַר־שטעהן... דו ביזט יונג און אונשולדיג און דו ווייסט נישט", זאָגט ער, „וואָס פאַר א כח די זינד האָט... און וואָס פאַר א רייץ", זאָגט ער, „עס ליגט אין דעם פאַרבאָטענעם... ווען דו זאָלסט", זאָגט ער, „וויסען — וואָלסטו אפשר", זאָגט ער, „נישט געווען אזוי שטרענג צו מיר"...

א ווײלע איז געווען שטיל.

נ אָ ך  א ווײלע איז געווען שטיל.

ו ו י ד ע ר  איז געווען שטיל.

ענדליך איז געוואָרען גאָר שטיל. און זי האָט זיך אָפּ־גערופען צו איהם, גלעטענדיג זיין פאַרקאַמטקייט מיט פאַרגעבונג:

— ס'אָלרייט. יואל (אָדער איוואַן, אָדער אָ'טול) ס'אָל־רייט... איך פאַרשטעה דיך גאַנץ גוט. דו דאַרפסט זיך נישט פיהלען אזוי דערשלאָגען, הויב זיך אויף פון דר'ערד,

און זיי זענען געווען צוויי — ער און זי?
— געווים.

און איצט, אז מיר ווייסען שוין אלצדינג וואס מיר דארפען שוין וויסען, וועלען מיר אנהויבען געהן כסדר, טריט־ביי־טריט און נישט געכאפט.

זיצען זיי אזוי ביידע. ווער זענען די ביידע? — ער און זי? ניין. זי און ער. חאחא. אפגענארט אייך! קורץ זיצען זיי אזוי ביידע און זיי פילען אן די לופט מיט זייערע זיפצען. מאכט צו זיי די לופט: קינדער, הערט אויף מיך אנפילען מיט אייערע זיפצען. ס'קען שוין מעהר נישט אריין אין מיר. געזעהן אזוינס! רופען ז י י זיך נארגיש־נישט אפ. מחמת זיי הערען נישט. נאר ער, דער „באי", דער בחור, דער ליעבהאבער, וואס האט זיך ביז איצט געשפילט מיט איהר האנט, און געגלעט איהרע פינגער איבער די גלאנציגע קעפלעך, מיט גרוים ליעבשאפט — האט זיך אפ־גערופען צו איהר מ י ט טרערען, דוקא אין די אויגען און מיט גרוים — דוקא — געריהרשאפט:

„טייערסטע", מאכט ער צו איהר, „דו מוזט מיך אויס־הערען. איך האב דיר", מאכט ער, „עפעס צו זאגען. עפעס" מאכט ער, „לינט מיר אויפ'ן הארץ, און איך מוז עס", מאכט ער, „ארויסזאגען. איך ווייס" זאגט ער, און גלעט בשעת־מעשה איהרע גינגאלדענע לאקען — איך ווייס, אז דו וועסט זיין בייז אויף מיר... איך ווייס", זאגט ער, „אז איך האב עס דיר באדארפט צו זאגען פריהער. נישט אפ־לייגען ביז איצט — אכט טעג פאר אונזער חתונה. אבער כ'האב" — זאגט ער — „נישט געהאט דעם מוט דערצו. האב איך עס אלץ אפגעלעגט אויף שפעטער. אבער איצט איז", זאגט ער, „געקומען די צייט. ווען איך קען לענגער נישט האלטען אין זיך דעם סוד און איך מוז..."

ביי די דאזיגע ווערטער (אזוי פארזיכערען מיר מיט א גאראנטי אויף דריי יאהר) איז דער ליעבהאבער גע־בליבען שטעהן מיט אן אראפגעלאזטען קאפ, און טרערען גרוים ווי די שווערסטע טראפען רעגען, האבען אראפגע־

# צווייערליי מאַראַלען

און זיין נאָמען איז געווען...

ענטשולדיגט. מיר ווייסען נישט זיין נאָמען. ער האָט געקענט הייסען יואל, ברוך, פּייוויש, היינריך, דזשיאָוואַני, אמבראָס, איוואַן, א. א. וו.

ער האָט געקענט זיין א איד אָדער א דייטש, אָדער א פּאָליאַק, אָדער א פראנצויז, אָדער א רוס. דאָס איז נישט וויכטיג. וויכטיג איז, אז עס האָט פּאסירט — מיט פראכט און גלאַנץ — די פאָלגענדע מעשה, מיט וועלכער איך פאר־נעם מיך דאָ — אין דער ברייט. מחמת איך האָב פיינט זשאַלעווען טאַלענט. איינמאָל, זאָגט ער, האָט דיר גאָט גע־געבען טאַלענט, טו זיי נישט קיין איינברעננגער! שפּאָר נישט אָפּעט אויף מאָרגען! אז גאָט עס העלפען מ׳עט לע־בען, עטין מאָרגען אויך האָבען טאַלענט!...

עס איז געווען ביינאכט. וואו? אין א פּארק. פון וואַ־נעט וויים איך? — איך ווייס. נאָר שלאָגט נישט איבער. אז נישט וועט זיין שלעכט, ווייל איך בין זעהר אַן אויפגע־רעגטער. אלע נאַליציאַנער זיינען אויפגערעגט בשעת זיי ווערען בייז. לאָזען מיר אלזא, שטעהן דעם וויץ און מיר נעהן ווייטער. אלזא: ס׳איז געווען ביינאכט און — אין א פּארק.

לבנה־שטערען?

— וואָדען!

זיידענע וואָלקענדלעך און הימלישען רוים?

— אוראי.

א טויטע שטילקייט האָט געהערשעלט?

— אבסאָלוט!

זעהענדיג, אז די געשיכטע ווערט שטארק נישט אָנגע־
נעם פארביידע צדדים, האָבען זיך קלוגע מענשען ארייג־
געלעגט אין עסק און באשלאָסען, אז די מענער זאָלען זיך
בייטען מיט די מעאָריעס.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

„דער סוף?" — פרעגט איהר.

דער סוף איז געווען, אז גראָסמאן איז געשטאָרבען פון הארצוועהטאָג, און צוצוגעבען נאָך מעהר איראָניע צו זיין מזל — האָט די חברה „אהבת קעלישאק, יאָנג מענס פראָגרעסיוו" באשלאָסען איהם צו באגראָבען זי־ צענדיג. מחמת, ווי יערער וויסענשאפטליכער פאראיין, איז זי געווען זעהר עקאָנאָמיש און נישט געוואָלט פאר־ שווענדען צופיעל קרקע.

זיין פריינד — דער מינימאליסט קליינמאַן ווידער, ביי וועמען ס'האָט געפּלאצט אָן אָדער אין קאָפּ פון גרי־ זאָמע האָט באלאנגט צו א „סאָסייעטי" פון לאנדסליים, וועלכע האָט נאָך ניט געהאט באגיים איהר „סעמעטע־ רי" און — זי האָט איהם דאריבער געגעבען א „שאָו" און איהם באערדיגט אין א ריעזיגען קבר, וועלכער, אין ציים פון כאָלעריע, איז געווען פאר א גאנץ שטעדטיל.

דער קליינער גראָסמאַן, וועלכער איז געווען אַן אָנ־הענגער פון מאַקסימום האָט גענומען שטאָפּן זיין שוואָך, קליין ווייבעלע מיט ווינטער־בארען, געבראָטענע קעלבלעך, שווייצער־קעז, פּאַסטראַמע און זויערע דיניעס. און אַז יענע האָט פּראָטעסטירט, האָט ער איהר וויסענ־שאַפטליך ערקלערט, אַז דאָס לעבען איז גרויס, ריעזיג, קאָלאָסאַל, וואונדערבאר. און אַז אפילו די קלענסטע אי־דענע דארף זיך פיהלען גרויס גענוג אויף צו פּאַרטילי־גען אַ 17—16 וו נטערבארען.

די ערשטע צוויי טעג האָט די אָרימע מיסעס גראָס־מאַן געביך געשטאָפּט אין זיך ווי ווייט מעגליך. אָבער אויפ'ן דריטען טאָג האָט זיך אָנגעהויבען די רעאַקציע — די ווינטערבארען האָבען גענומען רעוואָלטירען און ס'איז געווען אַ גאָט'ס רחמנות אויף דעם ווייבעל. און אַז דער דאָקטאָר איז געקומען און איהר פאַרשריבען אַ לעפעל ריצענאויל, איז קליינמאַן צונעשטאַנען צו איהר, נישט אָנ־דערש זי מוז אויסטרינקען כאָטש אַ גאַנץ טעפּיל. מעהר האָט שוין די אָרימע פרוי'קע ניט געקענט אויסהאַלטען און — דאַרום די געשרייען נאָך הילף, וועלכע די שכנים האָבען דערהערט.

לאָזען מיר שטעהן די גראָסמאַנ'ס און כאַפּען זיך אַריבער צו די קליינמאַנ'ס.

אין דער זעלבער צייט, וואָס אין דעם ריעזינען פלעט האָט די קליינע מיסעס גראָסמאַן געשריגען נאָך הילף, ווייל מען האָט זי צופיעל געשטאָפּט און געקראָפּט, איז די ריעזינע, די דראַגונערישע מיסעס קליינמאַן אויסגע־גאַנגען פון הונגער אין דער קליינער רומקע. וואָרים דער מינימאַליסט קליינמאַן, האָט זי געהאָדעוועט בלויז אויף אַ „לידים־פינגער“ און געלען גרישאָק. און אַז די גרוי־סע, נעזונטע און קרעפטיגע מיסעס קליינמאַן האָט איהם גענומען פּאַראַווען די גרויסע פעטש, האָט ער גע'טענה'ט, אַז מיט אַזעלכע פעטש וועט זי נאַרנישט אויספיהרען — מחמת זיי זיינען דירעקט געגען זיין טעאָריע.

פונקט דער היפוך פון איהם איז געווען זיין חבר קליינמאן. ער איז געמליך געווען א מינימאליסט — ער האט געהאלטען, אז דאס לעבען איז א „רעדוצירטער נאר־נישט" — און דעריבער האט ער געטראגען א פיצעלע קאשקעטעל, גענעסען די קלענסטע פארפעלעך, גערעדט און געשריבען בלויז אין איינזילבינע ווערטער.

אט אזוי האבען זיי געלעבט — די צוויי חברים, יע־דער מיט זיין באזונדערע טעאריע, ביז וואנעט — נו, ביז וואנעט זיי האבען חתונה געהאט.

און מערקווירדיג: דער קליינער גראסמאן, וועלכער איז געווען אן אנהענגער פון מאקסימום, האט זיך דוקא אויסגעקליבען א ווייבעל וואס איז געווען נאך קלענער פון איהם — הויט און ביינער! און ס'קעפיל האט זיך ביי איהר געהאלטען ווי אויף ספרוזשינעס און ס'האט כסדר געציטערט פון שוואכקייט.

דאגעגען האט זיך דער גרויסער קליינמאן, וועלכער איז געווען אן אנהענגער פון מינימום אויסגעקליבען פאר א באשערטע א הויכע אידענע ווי א דראגונער און א שטארקע ווי א דעמב.

נאך דער חתונה האבען די צוויי פריינטלעך גענומען דירות איינס לעבען ס'אנדערע. דער קליינער גראסמאן, וועלכער איז איצט געווען דער מאן פון דער פיצינקער גראסמאניכע, האט — טריי צו זיין טעאריע, — גענומען א פלעט פון עלף רומס, אויסגעפארנישט מיט די גרעסטע שטיקער פארנימשע — וואס מען האט זיי געמוזט שלע־פען דורכ'ן פענסטער.

צו דער זעלבער צייט האט דער גרויסער קליינמאן, וועלכער איז איצט געווען דער מאן פון דער ריעזינער קליינמאניכע — געטריי צו זיין טעאריע פון מינימום — גענומען א פיצענקע געפארנישטע רום און קוים אריינגעקוועטשט זיין ווייבעל אהינצו.

אין עטליכע טעג ארום האבען די שכנים פון ביידע יונגע פארלעך געהערט שרעקליכע געוואלדען.

# די מיטעלמעסיגקייט
# פון קליין און גרויס

די בחורים גראסמאן און קליינמאן זיינען געווען צוויי חברים — צוויי אויסגעבונדענע פריינט.

פונקט ווי מען איז זיכער, אז נאָך מיטוואָך קומט דאָנערשטאג, און אז נאָך דעם ערשטען קומט — דער לענדלארד. אזוי איז יעדער וואס האָט געקענט די צוויי לייט געווען זיכער, אז נאָך קליינמאן קומט גראָסמאן אָדער פארקעהרט.

קליינמאן — דאָס איז געווען די פאָרזעצונג פון גראָס־מאן, און גראסמאן איז געווען די פאררעדע פון קליינמאן.

און דאָך דארף מען נישט מיינען, אז די צוויי בחורים האָבען סיי אין קערפערליכען סיי אין גייסטיגען אויסזעהן כאָטש געהאט די מינדעסטע עהנליכקייט איינס צו ס'אנ־דערע

פונקט פארקעהרט.

גראָסמאן איז געווען קליין און געל און געשטופעלט. אקעגען־זשע ווידער איז קליינמאן געווען א הויכער, א דארער, און פלאך ווי א צייטונגס־ראָמאן.

אָבער נאָך מעהר ווי זיי האָבען זיך אונטערשיידעט איינס פון ס'אנדערע קערפערליך זענען זיך פאנאנדער־געגאנגען אין די טעאָריען — היינו :

דער קליינער גראסמאן איז געווען א מאקסימאליסט — ער האָט געגלויבט אין מאקסימום. דערפאר האָט ער געטראָגען דעם גרעסטען גומער קאפעלירושען, געגעסען די ברייטסטע לאָקשען וואָס ער האָט נאָר געקענט קריגען און געערדט אין די לענגסטע פראזען וואָס ער האָט נאָר געקענט אויסזוכען.

חבר — איז שוין געווען אונטער מיין ווירדע . דעמזעלבען
טאָג איז פארגעקומען — אין פריוואטען אפים — א שטי־
לע צאנקעריי צווישען מיין באָס און זיין פרוי, און נאָך
דעמזעלבען טאָג האָב איך פאלאָרען מיין שטעלע.

פוצט ווי דעמאָלט! די שענסטע קראַוואַטען, די פיינסטע העמדער, די טייערסטע אנצוגען, די מאָדערנסטע קאָפּע־ליושען — אַלעס, אַלעס איז אננגעווענדט געוואָרען אין דעמדראַזינגען מאָרגעם קאַמפּף. אויך זי — דאָס מיידעל — האָט נישט געשוויגען, א דאנק דער אַפּטייק און דעם שניי־דער איז זי געוואָרען פון טאָג צו טאָג שענער און בליהענ־דער — כאָטש עס האָט זיך נישט ארויסגעזעהען, אז עס זאָל איהר האָבען געלונגען מעהר צו געפעלען דעם באָס, ווי איך בין געפעלען געוואָרען זיין ווייב...

ווער ווייס ווי לאַנג אָט־דער פארביסענער קאַמפּף וואָלט זיך געווען געצויגען, ווען נים די פאָלגענדע פּאַסי־רונג:

איינמאָל האָבען מיר ביידע — אי איך, אי דאָס מיי־דעל — געהערט דעם באָס שמועסען מיט זיין פרוי מכח פארשידענע שעהנהייטען, דערביי האָט ער אויסגעדריקט זיין מיינונג, אז מעהר ווי אַלעס האָט ער האָלט די בלאָנדע פאַרב, ווערהענד זי — די פרוי האָזענפעלד, האָט ער־קלערט, אז איהר געפעלט בעסער ברונעטע...

דאָ מוז איך דיר איבערהאַקען די געשיכטע און זאָגען, אז דאָס מיידעל, מיין קאָנקורענטין, איז גראָד געווען א ברונעטע... דאָס האָט מיר שטאַרק הנאה געטון, כאָטש פון מיין זייט האָב איך זיך אויך נישט צוגעפּאַסט צו דעם גע־שמאַק פון מיין באַלעבאָסטע — וואָרים איך בין דאָך, ווי דו זעהסט, א בלאָנדער...

אָבער צו מיין גרעסטער איבערראַשונג האָב איך צו מאָרגענס פון דער פּאַסירונג באַמערקט, אז אויף דעם אָרט וואו עס איז נעכטען געזעסען א טיעף־ברונעטע מיידעל איז היינט געזעסען א... גאָלד־בלאָנדע! און דאָס דאָזיגע גאָלד־בלאָנדע מיידעל איז געווען נישט קיין אַנ־דערע ווי מיין... קאָנקורענטין.

זי האָט זיך אָפּגעפאַרבט די האָר!

אויף אזוי פיעל נאָכטון איהר — אזוי ענדיגט מיין

איינמאָל אין א שעהנעם פריהמאָרגען, בעת איך האָב באמערקט ווי מיין קאָנקורענטין, דאָס מיידעל, האָט זיך אָנגעשמינקט די בלייכע באַקען און אז זי גלאַנצט ווי אַן עפּעלע... און אז דאָס געפעהלט זעהר שטארק דעם באָס און אז ער שמייכעלט צו איהר אזוי ליעבליך — איי ביי מיר געבוירען געוואָרען דער ראָזינגער משונה'דינגער פּלאַן...

צו מאָרגענס פון זעלבען טאָג, בין איך געקומען צוגעהן מיט לייכט־אָנגעשמינקטע באַקען — א זאך וואָס האָט מיר צוגעגעבען א היבש ביסעל חן.

— „זי זעהען הויטע רייצענד אויס!“ — האָט מיר די מיסעס האָזענפעלד געמאַכט א קאָמפּלימענט...

— זי זינד אויך רייצענד! — האָב איך געזאָגט אויף דייטש און געשמייכעלט צו איהר ווי א פארליעבטער...

עס איז אוועק א טאָג און צוויי און איך האָב באמערקט ווי מיין קאָנקורענטין ווערט שעהנער און בליהענדער — זי האָט שוין איצט געפארבט אויך איהרע ליפּען און גע־פינזעלט די ברעמען...

איך האָב גענומען דאָסזעלבע און אויף א ווײלע באַ־פעסטיגט מיין פּאָזיציע...

אָט־אזוי־אָ, איז דער קאמף אָנגעגאנגען א שטיק צייט. עס איז געווען א שטילער נאָר א פארביסענער קאמף. וואָס מעהר דאָס מיידעל האָט זיך געפּוצט און געפארבט צו געפעלען דעם באָס, אום צו באפעסטיגען איהר פּאָזיציע, אלץ מעהר האָב איך זיך אויך געפּוצט און געפארבט צו געפעלען דער מיסעס...

א שטיק צייט אזוי.

ענדליך איז אָנגעקומען דער סלעק. איצט, האָבען מיר ביידע געוואוסט, — אי איך אי מיין קאָנקורענטין — אז ב י י ד ע צוזאמען קענען מיר לאנג נישט פארבלייבען. און אז די פראגע ווער פון אונז זאל פארבלייבען אויפ'ן „דזשאב“ וועט אנטשידען ווערען דורך דעם גראד פון אונ־זער שעהנקייט און גראציע...

נאָך קיינמאָל אין מיין לעבען האָב איך זיך אזוי גע־

צו די האָזענפעלדס איז אהינצו אויך אָנגעקומען א יונג מיידעל פון אומגעפעהר מיין עלטער, נישט קיין מיאוס'ע. די דאָזיגע מיידעל איז געווען באַשטימט צו טון דיזעלבינע ארביים וואָס איך — קלערישע ארבייט, נאָר אנשטאָט וואָס איך בין געווען אָנגעשטעלט פון דער מיסעס האָזענ־פעלד, איז זי געווען אָנגעשטעלט פון דעם מ י ס ט ע ר האָזענפעלד.

עס האָט נישט גענומען לאַנג און איך בין געוואָר גע־וואָרען, אז מיר ביידע — איך און דאָס מיידעל — זענען ביטערע קאָנקורענטען, און אז פאר אונז ביידע איז דאָ נישטאָ קיין פלאַץ (די ארבייט האָט מיט א ביסעל אָנ־שטרענגונג געקענט געטון ווערען פון איין פערזאָן!) און אז צווישען דעם באָס און זיין פרוי געהט דאָ אָן א שטיי־לע צו־להכעיס־פּאָליטיק—אזוי צו זאָגען—ווער פון אונז ביידע זאָל פארבלייבען אויף דער שטעלע.

וואָס א טאָג האָב איך באמערקט ווי דער באָס ווערט אלץ פריינטליכער צום מיידעל, און מיין שטעלע איז דארום אין דער גרעסטער געפאהר.

דאָס איינציגע מיטעל זיך צו ראטעווען איז געווען זיך צו־צושאַרען צו דער אלטער און זעהר מיאוס'ער מיסעס האָזענפעלד, וועלכע איז צו מיר געווען נישט גאַנץ גלייכ־גילטיג, און וועלכע האָט מיך מעהר־ווייניגער פּראָטע־זשירט.

באלד האָט זיך צווישען מיר און דעם מיידעל אָנגע־הויבען א שטילער, אָבער פארביטערטער קאמף. דער קאמף איז אָנגעגאנגען נישט מיט געוועהר, און נישט אפילו מיט ווערטער, נאָר שטומערהייד... מיט פארב און פודער און שעהנהייטס־מיטלען...

זייענדיג א געזונטער כאָטש נישט גאַנץ שעהנער בחור — איז מיר, ביז צו יענעם מאָמענט, פונדעסטוועגען קיינ־מאָל נישט איינגעפאלען זיך צו באנוצען מיט אזעלכע נאַ־רישקייטען ווי פודער, אָדער שמינקע... אָבער — די קאָנ־קורענץ האָט מיך דערצו געצוואונגען...

# טאָפעלטע קאָנקורענץ

ס'פּאַסט נישט, אז די דאָזיגע געשיכטע זאָל האָבן פּאַסירט מיט אונז פּערזענליך. מיר, שריפטשטעלער, זענען עהרליכע מענשען, ריינע נאַטורען און אויב מיר דערצעהלען אמאָל עפּעס א נישט־שעהנע זאַך, פּאַסירט עס געוועהנליך נים מיט אונז נאָר מיט אונזערם א חבר...

אלזוי, אונזער חבר דערצעהלט די פאָלגענדע מעשה:

דו ווייסט, איך האָב אמאָל געארבייט אין א געשעפט אלס קלוירק. דאָס דאָזיגע געשעפט איז געפיהרט געוואָרען פון צוויי מענשען — מיסטער און מיסעס האָזענפעלד.

דאָס הייסט: ביידע אי דער מאַן אי די פרוי זענען שטענדיג געווען צוזאמען אין געשעפט און האָבען זיך געפיהרט ווי אמת'ע שותפים.

די האָזענפעלדס זענען געווען דייטשע לייטע און — קינדערלאָז. ביידע זענען געווען מיטעליעהריגע מענשען, אומגעפעהר 40 יאָהר אלט, האָבען זיך געהאַלטען זעהר נעט און ביידע זענען געווען מיאוס ווי דער טויט.

אנגעקומען בין איך צו די האזענפעלדס אין א צייט ווען איך האָב זיך זעהר שטאַרק גענויטיגט אין א שטעלע. איידער איך האָב געקראָגען דעם דאָזיגען „דזשאָב" בין איך א לאַנגע צייט ארומגעגאַנגען ליידיג און... געהונגערט אויף'ן שענסטען אופן, און דו קאָנסט דארום פארשטעהן, ווי שטאַרק איך האָב זיך געקלאַמערט צו דער דאָזיגער שטעלע, און ווי חשוב זי איז ביי מיר געווען.

צו מיין גרעסטען הארצוועהטאָג האָב איך באלד באַמערקט, אז איך האָב אין דעם פּלאַץ א שרעקליכען קאָנקורענט — געמליך: א וואָך נאָכדעם ווי איך בין אנגעקומען

פון קריסטענטום... און וועגן דער אומשטערבליכקייט פון דער זעעלע...

— וועל, — מאכט דער גייסט פון גראף טאָלסטאָי אויפ'ן טעלעפאָן — נישט א י צ ט איז די צייט צו רעדען פון אלע זאכען!... אן אנדערס מאָל.... איך קען אייך נאָר זאָגען, זאָגט ער, אז אַלצדינג איז אַלרייט. און די ביזנעס, זאָגט ער, פארבעסערען זיך. לעצטען סיזאָן, זאָגט ער, האָב איך אָפגעשפּאָרט אזוי גרויס ווי עלף־הונדערט דאָלאר. און איך האָב מיך שעהן באקליידט. ראצאָל! וואטיהעל, מאכט ער, קען יו עקספּעקט?

— הא? — בין איך געבליבען שטעהן ווי פארשטיינערט פון דער גוואלדיגער ענדערונג וואָס איז פאָרגעקומען אין מיין גוטען און עהרליכען און זויבערען טאָלסטאָי — און, די שפּראך וואָס ער רעדט!...

אָבער אין דער מינוט איז ווידער געוואָרען ליכטיג. מאדאם פאָרפאציא איז ווידער געשטאנען לעבען מיר און געשמייכעלט מיט איהר פוכענ־קע שמייכעלע, און מיך געפרעגט צי איך וועל נאָך עמיצען ארויסרופען.

— וואטיהעל?! — האָב איך מיך שוין נישט געקענט איינהאלטען און איהר געענטפערט מיט'ן לשון פון גראף טאָלסטאָי און פון איוב — איהר מיינט, אז איהר'ט דאָ אָנגעטראָפען א יאָלד, וואָס איהר קענט איהם פריצעווען? סך הכל — זאָג איך און דערנעהענטער מיך צום ארויסגאנג — סך־הכל האָב איך אייך געצאָהלט מיט פ א ל־ש ע א ס י נ נ א צ י ע ס!

און איך גיב א האק מיט דער טיר.

פון דעמאָלט אָן צ ו ו י י פ ע ל איך מעהר נישט אין ספּירימואליזם. איך בין שוין א י ב ע ר צ י י נ ט...

זאָג איך: רופט מיר ארויס גראף טאָלסטאָי.

— אָלרייט! — זאָגט זי און פארשווינדט, און סע ווערט טונקעל, און סע קלימפּערט דאָס פּידעלע און עס קריכען די שאָטענס.

— שוין! — זאָגט זי — ער איז שוין דאָ.

— העלא! — רוף איך אריין מיט גרויס דרך ארץ — גראף טאָלסטאָי?

— יעס סיר.

— קאַק ווי פּאזשיוואיעטיע? — מאַטער איך פון מיר ארויס דאָס לעצטע ביסעל רוסיש, וואָס איך האָב.

— קאַק־ווי־ו וּ אָ ס? — פרעגט מיך דער גייסט פון טאָלסטאָי.

— פּאזשיוואיעטיע, — זאָג איך — אי משאָ ווי — זאָג איך — דעילאיטיע?

— וואַטיהעל! — מאַכט טאָלסטאָי — איך פאַר־שטעה נישט אַ וואָרט.

— איזוויניטיע! — זאָג איך — גאָספּאָדין טאָל־סטאָי — עטאָ, זאָג איך, רוסקי יאזיק...

— יאזיק, שמאזיק! — ענטפערט מיר דער גייסט טאָלסטאָי אומגעדולדיג — רעדט'ס א י ד י ש. איך פארשטעה א י ד י ש! איך בין אלע מאָל, זאָגט ער, געוועזן אַן אוהב ישראל. אין ניו יאָרק, זאָגט ער, האָט אפילו אַ איד געמאכט סיגארעטס אויף מיין נאָמען „טאָל־סטאָי סיגארעטס" — זעהר אַ גוטער סיגארעט... און ביי־ליג... בלויז אכט סענט אַ פּעקעדוש מיט קאָרק־טיפּס... די פלעינע קאָסטען בלויז זיבען סענט... מיט מעטשעס און מיט אָלצדינג... און מען קריגט נאָך, זאָגט ער, אַ פּרעמיע אויך.... בעליוו מי, מאכט ער, ס'איז אַ גאַנץ וואוילער סי־גארעט. נאָר אביסעל צו שאַרף. ער רייסט די נאָז.

— איזוויניטיע — זאָג איך — גאָספּאָדין טאָלסטאָי — איך האָב, זאָג איך, געוואָלט מיט אייך רעדען וועגען קריעג און פריעדען... און וועגען דער העכערער מאָראל

א קוויטשעדיג קול — ווער קערט פאר די עולען? אבי מען מאכט, זאָג ער, א שעהן לעבען.

— מאָרגע! — זאָג איך — ווי מענשען ענדערען זיך... אמאָליגע ציימען, זאָג איך, זענם איהר געווען א שטיקעל אידעאַליסט....

— וועל, — מאכט דער גייסט פון איוב׳ען — אמאָל בין איך טאקע געווען א שטיקעל ווהאטשעמי־קאָלים, אבער איצט, יו נאָ, איז אַנדערע צייטען. עס איז פּראָגרעס, יו נאָ, ציווילייזא —

אָבער נאָך איידער איוב׳ס גייסט האָט געקענט ענ־דיגען איז ווידער ליכטיג געוואָרען און די פּוכינקע מאדאם פּארפּאציא איז ווידער געשטאַנען לעבען מיר און גע־זאָגט: „די צייט איז פאראיבער“.

זאָג איך: ס׳איז מאָרגע, ווי אַלע גייסטער רעדען ביי אייך אָן ענגלישען אידיש אזוי ווי אויף מארקעט סטריט... אפילו איוב — זאָג איך — איז אויך נעכאפּט אויף דער שפּראך... ווי קומט עס?

וואָס ווייס איך?! — זאָגט מאדאם פּארפּאציא — ס׳איז נישט מיינע ביזנעס. מיינע ביזנעס, זאָגט זי, איז צו פארבינדען די גייסטער וועלט מיט אונזערער! ווייטער, זאָגט זי, קען איך נישט זאָגען די גייסטער קיין דעה! א גייסט, זאָגט זי, האָט פיינט, אז מען לערענט איהם ווי אזוי צו רעדען. אז איהר וועט זיין, מאכט זי, טויט אזוי לאַנג ווי איוב, אָדער אייער עלטער־זיידע וועט איהר אויך, זאָגט זי, זיין נערוועז. עס איז קיין חידוש נישט! זאָגט זי — דאָס שטענדיגע טויט זיין מאטערט זעהר אָפּ, עס גראָבט אונטער ס׳געזונט. אפשר, זאָגט זי, ווילט איהר נאָך עמיצען ארויסרופען, וועל איך אייך מאכען א באַרגיין — בלויז פיער דאָלאר פאר צעהן מינוט. דאָס טו איך, זאָגט זי, פאר אייך, כדי איהר זאָלט זיך איבער־ציינען, אז ביי מיר איז אַלצדינג ראיעל, נישטאָ קיין שווינדעל, קיין מאניפּארגעס. ווענען, זאָגט זי, ווילט איהר איצט ארויסרופען?

רעדן מיט אייער עלטער־ווײַדען, מאכט זי, וועט אײַך קאָסטן נאָך אַ פינפערל.

מראכט איך אַ ווײַלע און זאָג: ניין, כ'וויל שוין נישט מער רעדן מיט'ן זיידען, איך האָב איהם נישט ליעב.... ער רעדט צו גראָב.... און ער באַנוצט זיך מיט אַזוינע ווערטער ווי „ראַנטשע בעליווינג" — ווי קומט עס, זאָג איך, צו מיין זיידען?

— מאַ! — מאַכט מאַדאַם פּאַרפּאַציאַ — וואָס קען מען וויסן ווי אַזוי אַ מת לעבט? דער טויט, מאַכט זי, ווירקט פאַרשידען אויף אַלערליי מענשען. אַ טייל ווערען דערפון העכסט געבילדעט, און אַ טייל ווידער פאַרקערט. קלויבט זיך, זאָגט זי, אויס עפּעס אַן אַנדערען גייסט. מיר איז, מאַכט זי, אַלץ איינס!

— אָלרייט, זאָג איך, שטעלט מיך אין פאַרבינדונג מיט איוב'ען.

ווערט ווידער פינסטערליך, דער פּידעל קלימפּערט ווידער. די שאָטענס מאַכען ווידער אַלערליי פּאָקוסען אויף דער וואַנט, און ענדליך קומט זי אַריין און זאָגט:

— שוין! איהר קענט שוין רעדען צו איוב'ען!

נעם איך דאָס טעלעפאָנדעל צום אויער און זאָג:

— איוב?

— יעס סיר! — ענטפערט מיר דער גייסט פון איוב'ען.

זאָג איך: האַ? וואָס האָט איהר געזאָגט?

זאָגט ער: ווהאַטיהעל?.... און ער פאַרכאַפּט זיך באַלד: דאָס איז איוב — פון דער ביבעל.

זאָג איך: נו, וואָס מאַכט איהר עפּעס? וואָס מאַכען עפּעס אייערע חברים אליפז און בלדד? און ווי נעהט עס אייער מיזיניקעל קרן־הפוך? און וואָס טוען עפּעס די נשמות פון אייערע שאָף און אייערע טויזענט עזלען?

— וועל, איי'ל טעל יו... הויבט ער שוין אָן רעדען אויף ענגליש גלייך ווי מיין עלטער־זיידע — נאָר אויך

— נו, וואָס הערט זיך זיידע? — האָב איך געפרעגט
— וואָס דערצעהלט איהר עפּעס נייעס?
— וואָס זאָל זיך הערען? — מאַכט מיין עלטער־זיידע פון יענער וועלט — איך מאַך דאָ זעהר שעהן א לעבען.
— שפּאַרסטו אמאָל א דאָלאַר, זיידע? — כאַפּט זיך ביי מיר ארויס א פראגע.
— וועל, מאַכט מיין עלטער־זיידע שוין אויף ענגליש
— אייל טעל יו...
— זיידע! — ווער איך איבערראַשט — ווי קומט צו דיר רעדען ענגליש?
— וועל, מאַכט ער, — יו סי... איך האָב מיך שוין דאָ צוגעלערענט... אונזער גן־עדן־וועכטער, יו נאָ, איז א פילאַדעלפיער....
— מאָדנע! — זאָג איך — און טראַכט וואָס ווייטער צו רעדען.
— יעס! — רעדט ווייטער מיין זיידע, ס'איז דאָ אָל־רייט... וועהאַטיהעל — מאַכט ער — אים'ס נאָ יוהז קיקינג...
און ווי דער גייסט פון מיין זיידען רעדט אזוי דאַכט זיך מיר, אז דאָס קול האָט זיך ביי איהם געביטען — ער רעדט שוין נישט אויף קיין באַס, נאָר אויף א טענאָר...
זיידע! — זאָג איך צו איהם — עפּעס איז דער מעהר מיט אייער שטימע....
— יעס, — מאַכט ער שוין צוריק אויף א באַס־שטימע — איך האָב מיך דאָ אנומעלטען שטאַרק צוגעקיהלט...
— אבי איך האָב געמיינט — זאָג איך — אז אין גן־עדן איז קיינמאָל נישט צו קאַלט....
— דאַנטשע בעליווים! — וויל מיין עלטער־זיידע עפּעס אָנהויבען זאָגען, שוין ווידער אויף א יונגע שטימעלע, אָבער אין דער מינוט באַווייזט זיך די מאַדאַם פאַרפּאַציאַ און גיט א זאָג: גענוג! אייערע פופצעהן מינוט זיינען שוין פאַראיבער! אויב איהר ווילט ווייטער

ענדערען זיי זיך אומיסנע איבער די שטימען מע'זאָל זיי נישט ־ערקענען. אייער עלטער־זיידע האָט מסתמא גע־רערט אויפ'ן באס?

זאָג איך: אויפ'ן באס.

זאָגט זי: נו, גוט. מיר'ן איהם באלד אָנקלינגען. ווי אזוי, זאָגט איהר, הייסט ער?

זאָג איך: כ'האָב דאָך אייך שוין געזאָגט, אז ער הייסט עליע־פאָן־דער־קאפעליע.

זאָגט זי: סא מאָדנער נאָמען! און ווי לאנג, זאָגט זי, ווילט איהר רעדען מיט אייער עלטער־זיידען?

זאָג איך: כ'וויים... א צעהן־פופצעהן מינוט. וואָס איז, זאָג איך, ער האָט דען נישט קיין צייט? ער ארבייט אָווערטיים?

זאָגט זי: נישט דאָס! נאָר די גייסטער האָבען פיינט, אז מען באָרערט זיי צופיעל — צעהן דאָלאר, פליעז!

איך האָב איהר דערלאנגט א געזונט, קנאקעדיג צעה־נערעל. זי האָט עס צוגענומען מיט צוויי פינגער, ווי א דאָקטאָר, איז פארשוואונדען געוואָרען אויף א מינוט.

אין „קאבינעט" איז געוואָרען בלאָה־פינסטערליך, שאָטענס האָבען זיך געוואָרפען איינס אויף ס'אנדערע און געטאנצט, און עס האָט זיך געהערט ס'קלימפּערן פון עפּעס א פידעל.

— שוין! — האָט זי געזאָגט — איהר קענט שוין אָנהויבען!

און זי האָט מיר א ווייז געטון אויף זיך — אז זי געהט אוועק.

אז איך בין געבליבען אליין, האָב איך — לויט פרי־הערדיגע אינסטרוקציעס — צוגעלעגט צום אויער דאָס רעהרעל פונ'ם טעלעפאָן און געזאָגט:

— העלאָ... איז דאָס מיין עלטער־זיידע?

— יעס־סיר! — האָט געענטפערט א טיפע ברוסט־שטימע — דאָס בין איך, דיין עלטער־זיידע.

געוואָהר ווערען ווי אַזוי עס געהט איהם אויף יענער וועלט, און צי ער איז נאָך אַלץ אין טראַבעל מיט מיין עלטער־באָבען, און פאר וואָס הערט מען פון איהם אַזוי ווענינ? אָבער איך האָב עס אַלץ געהאַלטען פאר אַ פאַנטאַזיע, פאַר אַן אונמעגליכקייט.

אָבער איצט!

איך בין אוועק צו דער מאַדאַם פאַרפאַציאַ און איהר ערקלערט, אַז איך וויל רעדען מיט מיין עלטער־זיידען, וואָס'ט עס קאָסטען?

מאַדאַם פאַרפאַציאַ — איינע פון יענע פרויען וואָס מען רופט זיי מיט „קע״ — אַ ליעבענ־קע, אַ וויכינ־קע, אַ שעהנינ־קע, אַ זיסענ־קע, אַ שמילענ־קע, אַ פוכינ־קע, אַ פרומענ'קע איז מיר אַקעגען געקומען אַנטקעגען אין אַ כי־נעזישער קימאָנאָ, מיך אַריינגעפיהרט אין אַ צימער הינ־טער אַ שפּאַניש ווענטעל און מיר געזאָגט מיט איהר וויכינ'קער ריין־אידישער שטימע:

— ווי אַזוי האָט מען גערופען אייער זיידען ע״ה?

זאָג איך: עליע.

מאַכט זי: עליע וואָס?

זאָג איך: עליע פאָן־דער־קאַפּעליע.

זאָגט זי: אַ דייטש?

זאָג איך: ניין, אַ בר־מנן.

מאַכט זי: שפּאַס אָן אַ זייט — אייער עלטער־זיידע איז געווען אַ איד?

זאָג איך: וואָס דען איז ער געווען — אַ כינעזער?

מאַכט זי צו מיר: איהר געדענקט אייער עלטער־זיידען?

זאָג איך: אַ קאַפּעטשקע. קוים־קוים.

זאָגט זי: וואָס פאַר אַ קול האָט ער געהאַט?

זאָג איך: אַקעגען וואָס פרעגט איהר עס?

זאָג זי: איך דאַרף וויסען ווי אַזוי איהם אויסצוגע־פינען. איהר ווייסט גאָרנישט, זאָג זי, וואָס פאַר אַ טראַ־בעל איך האָב מיט די גייסטער! אַפּטמאָל, מאַכט זי,

# מאַדאַם פּאַרפּאַציאַ

איך האָב אַ סך געלעזען אין די צייטונגען וועגן דער מאַדאַם פּאַרפּאַציאַ, די באַריהמטע ספּיריטואַליסטין, וואָס צויבערט אַ ר ו י ס גייסטער פון יענער וועלט, און שטעלט אייך מיט זיי אין פאַרבינדונג.

אַלע בעסטע זשורנאַלען פון׳ם לאַנד האָבען געזעדט וועגען מאַדאַם פּאַרפּאַציאַ׳ס וואונדער. עטליכע שריפט־שטעלער זענען אַרויס מיט לויבגעזאַנגען צו מאַדאַם פּאַרפּאַציאַ׳ס איבער־נאַטירליכע קראַפט זיך צונויפצורעדען מיט יענער וועלט.

אינזשענירען, זיינגערמאַכערס, קאָסטימערפּערלער, פּי־ראַמידען־האַקער, טראַמבאַן־שפּילער, שלייקע־פאַבריקאַנטען — אַלע, אַלע זענען געווען באַגייסטערט פאַר מאַדאַם פּאַרפּאַציאַ.

זייערע פּאָרטרעטען און אונטערשריפטען זענען אַרויס אין אַ ביכעל שעהן־געדרוקט וואָס האָט זיך גערופען: „קענט איהר די מאַדאַם פּאַרפּאַציאַ?“

אין דעם נעמליכען ביכעל האָט זיך דערצעהלט, מיט נענויע סימנים, אונטערשריפטען, בילדער, טעלעגראַמען און „ספּעשעל־דעליוועריס“, אַז אויב איהר ווילט זיך אַביסעל דורכרעדען מיט אייער טויטען עלטער־זיידען, אָדער מיט אייער טויטער שוויגער, טויטע שוואָגערס, טויטער שוועגערין, קענט איהר עס טון, צו רעדוצירטע פּרייזען, ביי מאַדאַם פּאַרפּאַציאַ, פּאַרזאַמט נישט די געלעגענהייט.

דער אמת איז, אַז איך האָב מיך שוין לאַנג געקליבען זיך אַביסעל דורכצורעדען מיט מיין עלטער־זיידען,

טאנצען א טענציל. צו דערזעלבער צייט האָבען די מוזיקער נעקלאפּט אויף אלע כלים, אזוי אז מען האָט נישט געקענט הערען מיינע פּראָטעסטען.

אז ער איז געווען פארטיג דערמיט, האָט ער מיך ארויסגעשטופּט דורך א הינטער־טיר גלייך אין דרויסען ארויס.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

מיט עטליכע נאָסען ווייטער האָב איך נאָך געהערט דעם שטורם פון אפּלאָדיסמענטען.

שטערן — זאָל ווער־עס־איז פון פּובליקום אַרויפקומען אויף דער ביהנע און איך וועל איהם היפּנאָטיזירען.

איך האָב זיך באַנוצט מיט דער געלעגענהייט און בין אַרויפגעגאַנגען.

ער האָט מיך אוועקגעזעצט אויף אַ בענקעל, אין מיטען פון ביהנע, און געזאָגט: „איהר מוזט גלויבען אין מיין אונפעהלבאַרער קראַפט אַלס היפּנאָטיקער...“

— איכ׳ל פּרובען! — האָב איך געזאָגט.

— איצט קוקט מיר גלייך אין די אויגען אַריין! — האָט ער מיר געגעבען אַ באַפעהל.

— איהר לעזט נישט מיינע זאַכעלעך? — האָב איך איהם געפרעגט.

ער האָט געענטפערט, אַז ניין.

— אויב אַזוי, קען איך אייך קוקען גלייך אין די אויגען אַריין! — האָב איך געזאָגט.

אַרום דריי מינוטען האָבען מיר זיך אַזוי אָנגעקוקט, אָבער ענדליך האָב איך אַרויסגעשאָסען מיט אַ געלעכטער.

— איהר מוזט שלאָפען! — האָט ער געזאָגט שוין שטרענגליך.

— עס הויבט זיך ניט אָן, איך בין ניט שלעפּעריג!

— איהר זענט י אַ שלעפּעריג! — האָט ער אויף מיר אַ דונער געטון.

— אָלל־רייט — מאַך איך — לאָז זיין אַזוי ווי איהר זאָגט, איכ׳ל זיך מיט אייך ניט קריגען!

דער קונצענמאַכער האָט מיר צוגעדעקט די אויגען מיט די הענט און באַמערקט צום פּובליקום: „דער מאַן שלאָפט!... איצט קען איך מיט איהם טון, וואָס איך וויל!“

— ס׳אַ בלאָף! — האָב איך געוואָלט אויסשרייען — אָבער ער האָט מיר פעסט צוגעהאַלטען דאָס מויל.

— איצט וועט ער טאַנצען מיט אַ בעזים! — האָט ער באַקאַנט געמאַכט. און נאָך איידער איך האָב גע־וואוסט וואָס סע טוט זיך מיט מיר, האָט ער מיר אַריינ־געשטופּט אַ בעזים אין האַנט און האָט מיט מיר גענומען

אפלאָדיסמענטען, וועלכער האָט אָנגעהאַלטען עטליכע מינוטען.

— רזשענטלמען און לײדים! — האָט זיך דער קונצענמאַכער געווענדעט צום פּובליקום — איך וויל, אַז איהר זאָלט פאַרשטעהן, אַז אונזערע קונצען זענען ס ט ר י ק ט ל י ר אַ י ע ל. קיין שווינדעל! מיט אונזערע קונצען האָבען מיר אויפגערודערט אַ וועלט. מיר האָבען אין דערהיים אַ מאַסע מעדאַלען פון קעניגע און פּרינצען... און ארויסנעמענדיג פון זיין וואַרדעראָב־קעסטעל אַ קויטיגען קראַגען, האָט ער זיך געווענדעט צו דער טרעפּערקע.

— איך האַלט אין האַנט אַ קויטיגען קראַגען — וואָס איז דאָס?

— אַ קויטיגער קראַגען! — האָט די טרעפּערקע געענטפערט.

— ריכטיג!

— זאָג דעם ווערטען פּובליקום, וואָס פאַר אַ סייז דיזער זעכצעהנער־סייז קראַגען איז!

— סייז זעכצעהן!

— ריכטיג!

— איצט צושנייד איך דעם קראַגען מיט אַ מע־סעריל — זאָג דעם ווערטען פּובליקום, וואָס איך טו.

— איצט צושניידט ער דעם קראַגען מיט אַ מעסעריל!

— האָט די מכשפ׳טע ג ע ט ר אָ פ ע ן.

— דאָס מעסעריל איז אַ ביינערן מעסעריל, מיט צוויי קלינגלעך — זאָג דעם ווערטען פּובליקום, וואָס פאַר אַ מעסעריל דאָס איז!

— דאָס מעסעריל איז אַ ביינערן מעסעריל, מיט צוויי קלינגלעך! — האָט זי געזאָגט.

— ריכטיג ווי גאָלד!

— איצט וועלען מיר אייך ווייזען עטוואָס, וואָס האָט איבערראַשט די גאַנצע וועלט — האָט געזאָגט דער קונצענמאַכער, זיך אָפּווישענדיג דעם שוויים פון זיין

# דער קונצענמאַכער

„נעהט אהין, וואו אַלע נעהן!“ — אַזוי האָט נעשריגען דורך אַ טרובע אַ מאַן מיט אַ נעקעסטעלטען קאַשקעט. „עס איז היינט ביי אונז אַ ספּעשעל פּראָגראַם פון די באַריהמטע קונצענמאַכערס. וואָס האָבען אויפנעשטורעמט די גאַנצע וועלט!“

דער עולם האָט זיך געשטופּט און געטומעלט... און די מיידעלשע האַנט, וואָס האָט זיך ארויסגעזעהן פון די גראַטקעס פון דעם קליינעם אָפּיסעל, האָט פלינק אַריינ־געשאַרט די מטבעות.

איך האָב באַצאָהלט אַ קוואָרטער און בין אַריין.

און אָט וואָס איך האָב געזעהן:

אויף דער ביהנע זענען געשטאַנען צוויי פּאַרשוינען — אַ מאַן מיט אַ פרוי. די לעצטע האָט געהאַט פאַר־בונדענע אויגען און איז געשטאַנען פּונקט אַקעגען דעם ק ו נ צ ע נ מ א כ ע ר, וועלכער האָט געטראָגען שוואַר־צע קליידער און אַ צילינדער־הוט.

דער קונצענמאַכער האָט איצט ארויסגענומען פון קעשענע אַ גאָלדען־זייגעריל, און נאָכדעם ווי ער האָט זיך גוט פאַרקאַטשעט די אַרבעל, און געוויזען דעם עולם, אַז ער האָט גאָרנישט צווישען די פינגער, האָט ער שנעל אַ זאָג געטון צו דער פרוי מיט די פאַרבונדענע אויגען:

— איך האַלט אין האַנט אַ גאָלדען זייגעריל — זאָג דעם עולם, וואָס דאָס איז!

— אַ גאָלדען זייגעריל! — האָט די טרעפעדקע גע־ענפערט.

אין „טעאַטער“ האָט אויסגעבראָכען אַ שטורם פון

רזשענט האָט יערען איינעם פון די חברות אריינגערע־
כענט אין נדן דעם „רב“, וועלכער איז נאָר קיינמאָל
נישט געווען אויף דער וועלט, און נאָכדעם ווי ער האָט
אָפּגענומען די געלד, האָט ער אריבערגעפּעקעלט די מצבה
אויף אן אנדער אָרט.

איצט פארשטעהט איהר שוין, פאר וואָס מיר זוכען
א סעמעטערי?

— וואָס פאַר א רב ? זאָגט ער.

— וואָס הייסט, זאָגען מיר, וואָס פאַר א רב ? דער ג אָ ל ד ע נ ע ר  ר ב ! דער רב וואָס איהר האָט אונז פאַר־קויפט פאַר פינף הונדערט דאָלאַר מיט קרקע !

— א רב ?... זאָגט ער. ער הויבט נישט אָן צו געדענ־קען, ער זאָל אונז א מאָל האָבען פארקויפט א רב ! איב־ריגענס, זאָגט ער, איז עס ניט זיינע ביזנעס, אז דער רב וויל ניט איינליגען אויף אן אָרט. ס'איז, זאָגט ער, א גאָט'ס זאך !

און אזוי ווי מיר שטעהען אזוי און אמפּערען זיך, קומט אריינצולויפען נאָך א קאָמיטע פון די „אהבת־כלה" מיט א שטורם :

— וואו איז דער איידרושענט ? מיר ווילען פון איהם מאכען קרעפּעל־פלייש ; ער האָט ביי אונז אוועקגע'גנב'־עט דעם רב !

— וואָס פאַר א רב, זאָגט ער, האָב איך ביי אייך אוועקגע'גנב'עט ?

— דעם ז י ל ב ע ר נ ע ם  רב ! דעם רב וואָס איהר האָט אונז פארקויפט פאַר אכט הונדערט דאָלאַר מיט קרקע !

זעהט דער בחור אז סע האַלט שמאָל, פּרובט ער זיך ארויסמאכען. לאָזען מיר איהם ניט, נאָר מיר שפּארען איהם צו צו דער וואנט און מיר שרייען אלע אין איין קול : דעם רב, דו סאנעוועגאָן ! גיב אונז דעם רב !...

און אזוי ווי מיר האַלטען אזוי אין שרייען קומט אריינצולויפען נאָך א קאָמיטע (פון די „הרי־חושך יאָנג מענס") פארסאָפּעט ווי די גענז :

— דאָ איז עס דער מאכער וואָס סופט דעם רב ? מיר וועלען איהם זאטשמעליען מיט א שיים האָלץ — וועלען מיר איהם !

* * *

הכלל, וואָס טויג עס אייך — וואָס האָט זיך ארויס־געוויזען ? עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז דער איי־

אינגאַנצען אַוועקמופען צו די „אהבת־כלה“ — אי, פע!
דאָס איז געווען מיטוואָך.

דאָנערשטאָג נעם איך און קלאַפּ צונויף אַ ספּעשעל מיטינג פון אונזערע „זוקף כפיפים’ניקעס“ און שטעל זיך אויף און ערקלער זיי באשר אזוי און אזוי: דער רב האָט אַוועקגעמופט...

הויבט זיך אויף, ווי געוועגליך, אַ שטורם. אַ סומאַ־טאָכע צווישען די ברידער. דער פּטער עקס־פּרעזידענט, אַ איד מיט בוימעלדיגע אויגען און אַ בלייך פּנים, הויבט זיך אויף און זאָגט אזוי:

— מיינע ווערטע ברידער! איך זעה דערין אַן אצבע אלקים... מסתמא האָט מען מיט עפּעס־וואָס־ניט־איז פּוגע געווען דעם כבוד פון דעם גרויסען מת... איך מאַך אַ פאָרשלאַג מען זאָל אפּוינטען אַ קאָמיטע פון צעהן עהר־ליכע אידען, וואָס זאָלען געהן בעטען מחילה פון דעם גרויסען מת...

בקיצור, דער פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרען מיט אַ מאַדזשאָריטי.

פאַרשטעהט זיך, אַז איך בין געווען איינער פון דער קאָמיטע.

געקומען אויפ’ן בית עולם, גיבען מיר זיך דאָך גלייך אַ לאָז צו די „אהבת־כלה“. מיר גיבען אַ קוק, אונזער רב איז אויסגעטרוקענט געוואָרען. נישטאָ קיין סימן פון קיין רב!

נאָך אָנדערהאלבען שעה ארומזוכען, האָבען מיר איהם קוים דערטאַפּט ערגעץ העט־העט לעבען וואַלד, ביי די „הרי־חושך־יאָנג מענס“, אַ גוטע האַלבע מייל פון אונ־זער קרקע...

פאַרשטעהען מיר דאָך, אַז דאָ איז עפּעס נישט גלאַטיג די מעשה. לויפען מיר (די גאַנצע קאָמיטע פון צעהן מאַן) אַוועק צום אגענט פון די סעמעטערי און מיר פאַלען אריין אין אָפיס אריין מיט אַ גרויס געוואַלד: וואו איז דער רב?

אינדעפּענדענט אָרדער סאָנס אָוו יקום פּורקן, און מיר באַשליסען באַלד אויפ׳ן אָרט צו קויפען די סעמעטערי פאַר פינף הונדערט דאָלאַר.

אז ס׳איז אוועקגעגאַנגען אַ פּאָר טעג, מאַכט זיך, אז סע שטאַרבט אַ ברודער, אַן אַרבעס־פּעדלער, און אזוי ווי איך בין איינער פון די חברה קדישה, געה איך דאָך מסתמא מיט אויפ׳ן בית עולם.

איך קום אַרויף אויפ׳ן בית עולם, און גיב אַ קוק אויף מיין רב, פאַלט מיר איין, אז עפּעס שטעהט ער ניט ווי עס דאַרף צו זיין.

מילא, טראַכט איך זיך, אַ מענש טאָר אויף זיך אַליין ניט שטעלען, אפשר דוכט זיך מיר נאָר אזוי? אַ חוץ דעם, קלער איך זיך: אַ קשיה אויף אַ רב — אפשר איז איהם ניט געפעלען געוואָרען דער שכן? אפשר ס׳אָרט? ווער קאָן וויסען?

מילא, נאָר ניט, טראָג איך דערווייל די זאַך אין זיך און זאָג קיינעם ניט אויס. עס געהט נישט אוועק קיין צוויי וואָכען, שטאַרבט ווייטער אַ ברודער, אַ בלעכער, געה איך ווייטער אויפ׳ן בית עולם. איך גיב אַ קוק — די מצבה שטעהט שוין אַ ביסעל ווייטער. צום גדר צו.

וואָס זאָל דאָס זיין? טראַכט איך. אַ רב זאָל עס דיר האָבען אַ טבע ארומצומופען! און בכדי צו זיין זיכער, אז איך האָב ניט קיין טעות, מאַך איך זיך אַ סימן: רייס אויס אַ ביסעל גראָז ביי אַלע פיער ווינקעלעך פון דער מצבה און וואַרט וואָס דאָ וועט ווייטער זיין.

עס געהט נישט אוועק קיין וואָך, — העלפט נאָט עס שטאַרבט ווידער אַ ברודער, אַ „מאָפּ־קלאַפּער“. געה איך דאָך מסתמא ווייטער אויפ׳ן בית עולם. איך נעם זוכען מיין רב. וואו האָסטו אַ רב? דער רב איז שוין אויף יענער זייט גדר — ביי די „אהבת־כלה לאָדזש“.

ע׳, טראַכט איך זיך, סאַ מיאוסע מעשה! מילא דו רוקסט זיך אָפּ פון אַ שכן — נאָר נישט. דערויף ביזטו דאָך אַ רב. מסתמא פאַרשטעהסטו בעסער. אָבער

האָט זי ניט קיין צייט זיך אָפּצוגעבען מיט קינדערייען!), עפענט זיך די טיר, און סע קומט אריין א יונגערמאנטשיק און שטעלט זיך פאַר אלס אן אגענט פון א „סעמעטערי ביזנעס", און אזוי ווי, זאָגט ער, ער האָט געהערט, אז אונזער „ווערטהע" „זוקף כפופים לאָדזש, נומער 333 אינדעפּענדענט אָרדער פרי סאָנס אָוו יקום פּורקן", שטעהט אין קויפען סעמעטערי, קרקע הייסט דאָס, האָט ער פאר מיר — פאר אונז הייסט דאָס, א שטיקעל קרקע, וואָס עס איז, זאָגט ער, נאָר צום פארנוצען געזונטערהייט. ערשטענס, דאָס אָרט אליין! הויך אויף א בארג און טרו־קען ווי פעך... און צווייטענס, זאָגט ער, — און דאָס איז דער ע י ק ר, — ליגט דאָרט אויף דעם שטיקעל פעלד א רב, נאָר־נאָר פון די גרויסע... אן אייניקעל פון גערער און א לייבליכער פעטער פון דעם גאון ר' שמואל זיינער־מאכער ע"ה. און ער האָט מורא, זאָגט ער, אויב ער איז ניט א גליד־גליד געשוועסטערקינד פון דעם בעל שם טוב אליין...

דערהערט די מעשה מיט'ן רב, איז מיר די זאך שטארק אריין אין דער נאָז אריין.

גלייך צומאָרגענס בין איך און נאָך צוויי „זוקף כפופים'ניקעס" אוועק אויף דער סעמעטערי.

נעקומען אהין און איבערגעלייענט דעם רב'ס מצבה בין איך געוואָרען א פארציטערטער. הערט וואָס דאָרטען טוט זיך:

פ"נ

הרב החסיד, הגאון, המופלג בתורה, חד ברורו,
מאור הגדול, פטיש החזק, העמוד הימיני,
ר' פישעל בן עמרם, נכד הרב ר' מעשיל הקטן
מסאדענורע.

תנצב"ה

דערזעהען אזא יחוס אויף דער מצבה נעם איך און ל ו י ף. ביינאכט קלאַפּ איך צונויף א ספּעשעל מיטינג פון די באאמטע פון די זוקף כפופים לאָדזש, נומער 333

# קרקע

סיי, פעטער, ווייסט איהר אפשר עפעס פון אן אנ־שטענדינגע סעמעטערי פאר אונזער „אנשי זוקף כפופים לאָדזש נומער 333 אינדעפּענדענט אָרדער פּרי סאָנס אָוו יקום־פּורקן“? וואָס, איהר חידוש'ט זיך וואָס אזא לאָדזש, קיין עין הרע נישט, ווי אונזערע, וואָס אין דער קורצער צייט פון איהר עקזיסטענץ האָט זי שוין געהאט 32 דאָלאר עקספּענסעס אויף האמערס און אויף פּיקסען אונ־זערע ארגומענטס — מיין איך די צובראָכענע טשערס; א לאָדזש, ווי זאָגט איהר, וואָס האָט זיבען עקס פּרעזי־דענטען, נײַנצעהן טראָסטיס, עלף טרעזשורערס, פּיער באַלאָט באקסעס, פינף סעקרעטערים, צוויי אינערע און צוויי אויסערע וואכעס, צוועלף טויזענד בערזשעס און פינף און צוואנציג דאָלאר קעש, זאָל נאָך ניט האָבען קיין קרקע?

דארפט איהר זיך ניט חידוש'ען, מיין ליבער איד. וואָרים מאָהלט אייך, אז די „זוקף כפופים לאָדזש נומער 333 אינדעפּענדענט אָרדער פּרי סאָנס אָוו יקום־פּורקן“, וועט נים זיין אָהן קרקע — א מינוט. נאָר וואָס־זשע רעדן? אונזער קרקע איז קיין קרקע ניט. אי, די קשיה: סטיימטש? איז דער תירוץ אז פארברענט האָט געזאָלט ווערען אייער אמעריקא מיט די אנענטען איהרע! קיין גוטער איד זאָל זיי ניט קאָנען — די זשוליקעס! זיי קאָנען אייך פאר־פיהרען א מענשען אין שאול תחתיה אריין, די ממזרים, הערט, אדרבא, א מעשה, וואָס האָט זיך פארלאָפען מיט אונזער לאָדזש — דאָ ניט לאנג צוריק.

אנומעלטען בײַנאכט, איך שטעה אזוי און באָד די בײבי (מיינע מוזט איהר וויסען זיין, איז א סאנפּראַ־ציצקע, ווי זיי רופען עס דאָ. דאָס הייסט זי וויל וואומען,

זאָגט ער: אָווהאָ! טייערער מעהד ווי גאָלד...

כאַפּט דאָס מיך שוין אָן ביי דער זיבעטער ריפּ. נאָך א מאָל: דו, גוי, איך גיב דיר א ביסעל מעהר, וואָס אפילו דער קייסער מעג עס טרינקען, געפעלט עס דיר ניש, און ער גיט דיר א ביסעל באָרשט, וואָס ער האָט ביי מיר געקויפט פאר א שיבוש, געפעלט עס דיר יא.

— הא, נו? — זאָג איך צו איהם — זאָג, זאָג איך, אליין, פּעדקא, צו דו ביזט נישט קיין חזיר? דו ביזט דאָך עפּעס, זאָג איך, א לייטישער טשאָלאָוויעק? — איך אזוי צו איהם.

— יא ניע זנאיו — מאכט ער, נעלייהמט זאָל ער ווערען! און ער קראצט זיך אונטער'ן קאָלנער. עס זאָל מיר איינפאלען אז דער דם'ניק איז עפּעס אויסען, איז מיר נישט איינגעפאלען. יא ניע זנאיו, מאכט ער, נאָר דו, גאלגאן, זאָגט ער, זאָלסט מיך ניש רופען „חזיר“. מיין ניש, זאָגט ער, אז איך בין דיר א פּראָסטער רוסניאק! יא יעסטעם, זאָגט ער, וואָיט, זנאיעש? און דו, זאָגט ער, זיי שטיל, אז ניש, ווערסטו ביי מיר מאכט ער, קריגען אי כאָסעמעס צד, אי קאָלעמעס צד! — ווי א גוי רעדט! און בעניי־ביי האָט ער מיר דערלאנגט א סטים אין הארץ, אז איך האָב פאר זיך דערזייהן קרוקע, מיט פּינטשעוו, מיט לעמבערג, מיט אלצדינג...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

...נו, הא? איז שוין פאראן מזל? צי ניין?

פרעגט מיך, צו איך האָב עפּעס בילינען מעהר, איך זאָל איהם פאַרקויפען.

פאַרשטייה איך דאָך שוין, מתטמא, אז מיין זלמן'קע קומט שוין צו מיר נאָך סחורה, האָט ער מסתמא שוין געהאַט א צוזעצטען טאָג...

מאַך איך צו איהם: לייזט זיך עפּעס, ר' זלמן? — לייזט זיך עפּעס? — איך אזוי.

— ניש דיין געשעפט! — מאַכט ער — נים אָן, מאַכט ער, די פלעשער, און האָב ניש, זאָגט ער, קיין ליידיג מויל און פרעג ניש, זאָגט ער, קיין פוסטע קשיות, געלט, זאָגט ער, וועל איך דיר באַלד אריינשיקען מיט'ן שיקסעל.

איך שטייה. איך פוקנע שיער. נאָר וואָס לאָזט זיך טון? אין לויפענדער צייט אז א מענש איז ביי זיך נע־לענט...

אין א פּאָר שעה ארום איך זעה פּעדקאַ מיט דער גאנצער באַפּטע לאָזען זיך ארויס פון זלמן'קעס שענק גוט אונטערגעוואַרעמטע, אָבער אזוי לייטיש... און די פּנים'ער זיינען ביי זיי רויט — פּשוט דער ש ח י ן רוהט אויף זיי.

רוף איך זיי צו:

— פּעדקאַ, זאָג איך, כּאָדי נאָ, זאָג איך, סודא! — איך אזוי צום אלטען.

נעהט ער צו. שיכור, קוים וואָס ער שטעהט אויף די פיס.

— פּעדקאַ, זאָג איך, נו, ווי? האָסט געטרונקען ביי זלמן'קען?

— געטרונקען! — ער אזוי צו מיר.

— נו, געפּעלען געוואָרען? — איך אזוי צו איהם.

— פּעווניע! — זאָגט ער — דאָס הייסט: אודאי איז געפעלען געוואָרען... וואָס פרעגסטו קשיות?...

זאָג איך: און י ע נ ע ר מעהר איז ניש קיין וואַסער?

האָבען שוין געמאכט א כוסה, און זיי לאָזען זיך באַרג־אַראָפּ, צו אונז־צו.

רוף איך זיי צו.

טשויעטע, זאָג איך, טשאָלאָוויעטשע, חאָדיט, זאָג איך, סודא, או נאס, זאָג איך, יעסט, זאָג איך, דאָס טייערסטע ביסעל מעהל, פרימע, זאָג איך, שב׳פרימע...

קומען זיי אריין מיט א געשריי, און דאָיעט שטינקט זיי פון די שטיוועל, און דער בראנפען שטינקט זיי פון מויל, אז מען קאָן דערשטיקט ווערען! און איך, אדרבא ואדרבא, נעם זיי פיין אויף, גיב זיי שטולען, גיס אָן צו קעלישעקלעך מעהל און הייס זיי פארזוכען.

— פעיטי! זאָג איך, טשאָלאָוויעטשי. אי דאי וואס באָזשע, זאָג איך, זדראָוויע, מיט סם־המות, זאָג איך.

נעמט ער, דער אלטער, דאָס גלעזעל אין האנט, ווישט אָפּ דעם דנאָ מיט זיין דאָלאָניע, פארקאטשעט זיך א וואָנצע, ווארפט אריין ס׳גלעזעל מעהל מיט איין גאָס, און שפּרינגט אויף ווי אן אָפּגעבריהטער.

— עטאָ, זאָגט ער, ניע מיאָד, זאָגט ער, נאָר וואָדא, זאָגט ער... ס׳איז, הייסט עס, פּשוט וואסער...

כאפּט דאָך דאָס מיר שוין אָן ביי דער כריסטשינענע: סטיימש, דו גוי, טראכט איך ביי מיר, איך גיב דיר נומער־איינסער סחורה, וואָס קיין בעסערע איז נאָר נישטאָ אויף דער וועלט, און דו דערציילסט מיר א מעשה, אז ס׳איז וואסער...

און ווי איך טראכט אזוי, כאפּט מיין פעדקא דערוויי די גאנצע כאָפּטע נוים און לויפט אוועק, צו וועמען מיינסטו? צו זלמן׳קע גנב.

שטייה איך און קוק דאָס צו און סע ווייזט זיך מיר אויס, אז אָט־אָט פּלאצט אין מיר ס׳הארץ — איזטשעזנעט זאָל עס ווערען!

בעניי־ביי קומט אריין זלמן׳קע, מיט די געקרייזעלטע לעקעלעך און מיט דעם דינעם נעזעל מיט זיינעם און

האָבען נעקאָסט. הײנט גלעזער, טעלער, שאַפּקעלעך און איך װײס דאָרטען װאָס! — װאָס א שענק דאַרף אַלץ האָבען. נאָר מילא, װאָס לאָזט זיך טון? אז מ׳איז שױן ארײן אזױ װײט, מוז מען שױן קריכען װײטער. צוריק־גײהן — קען מען שױן ניש. דערװײל, טראַכט איך, איז נאָך דער הימעל ניש בײ דר׳ערד, מאָרגען אי״ה, האָבען מיר יריד אין שטעדטעל, נאָך שנים איז, דער גױ איז זעטיג אין גראַהצער. א גוט ביסעל משקה, װײס איך דאָך בײ זיך, האָב איך! װאָרים אין לױפּענדער צײט, אז מ׳איז אָן אָנפּעננער, האָט מען דאָך מורא. טאָמער אזױ, טאָמער אזױ.

...קיצור: נאָט האָט געהאָלפען. ס׳איז יריד־טאָג.

איך שטײה־אױף אין דער פריה, און טו א קוק דורכ׳ן פענצטער: אי־אי! מען ציהט זיך! א כמאַ־רע! גױים, מיט גױ׳טעס, מיט שרצים, און להבדיל, אידישע קאָניאַ־כעס, סוחרים, מעקלערס, בעטלער, אײערניקעס — אפילו דער איד מיט די אײזערנע ריננען, דו װײסט, װאָס מען װאַרפט אױף די מעסערס און אױף װעלכען מעסער מען טרעפט, נעװינט מען עפּעס א זאַך, — אפילו ער איז אױך דאָ. א שטאַרקער יריד! כאַפּ איך אױף זיך טלית און תפילין, דאַװען אָפּ ביחידות (װאָס פאַר א טעם איך האָב שױן נעפיהלט אין דעם דאַװענען, אױף אַלע מײנע שונאים נעזאָגט נעװאָרען!) און נעם מיך באַלד מאַכען א פאַרזשאָנדעק. װיש אױס די האלבעס, ראַם אװעק ס׳האָלץ, רוק ארײן ס׳רוקבעט פון באַנק־בעטיל און מײן טשארנע׳ן היים איך דערװײל אױסזידען א פרישען טאָפּ ארבעס — פון די אמת׳ע ארבעס, װאָרים אין לױ־פענדער צײט, אז מען שטעהט אין גראַהצער לײזונג —

נאָך עלף — אהא! א גאַנצע כאַפּטע ערלים לאָזען זיך אראָפּ פון דער טאַרנאָװיצע גלײך צו אונז.

װער זאָלען דאָס זײן די ערלים?

איך גיב א קוק ס׳איז פעדקא, דער װאָים, מיט א גאַנצע חברה, שטאַרק אונטערנעפײערט. הפנים, אז זײ

איז ארויסגעפּאַרען קאַליעדעווען צי דער משפּחה און צענויפגעשלעפּט א פּאָר זילבער...

מילא, גאָרנישט. עסען דעם מזומנ'עם גראָהצער איז דאָך אויך קיין תכלית ניש. ווי זאָגט מען עפּעס? א ים שעפּט זיך אויך אוים. הויבט מען אָן קלערען וואָס צו טון — דאָס, יענס. מען קלערט אהין און מען קלערט אהער, און סע בלייבט: עפּענען א שענקעל פון מעהד.

פאַרוואָס עפּעס א שענקעל פון מעהד? ווייל א קאַרטע פּשעמיסלאָווע האָב איך געהאַט אויסגעוועקט דורך פּראָטעקציע און האָפּען זענען דעמאָלט געווען בזול־הזול, האָניג האָב איך געקויפט אין גלייכען געלט. פון דער פּאַשינקע, א קעסעל האָב איך געהאַט אן אייגענעם — ירושה פון דער מאַמע'ן, זאָל זיך מיהען! — פון די דרייפיסיגע קעסלען וואָס מ'פלעגט אמאָל אין זיי, אין די אַלטע יאָהרען פּרעגלען פּאָווידלע — אויב דו געדענקסט.

קיצור הדבר: איך האָב אין א מזל'דיגער שעה גע־עפּענט א מעהד־שענק!

...ווי־זשע האַלט איך? יאָ! א שענק ווי אלע שענקען פון א גאַנץ יאָהר. אָפּגעזאָגטען א טאָפּ ארבעס — דעם אמת'ן ארבעס. גוט באַזאַלצען און באַפּעפּערט, מחמת דער עיקר איז דאָך אז סע זאָל דאַרשטען! — אוועק־געשטעלט אויפ'ן שענק־טיש א פּאָר זויערע אוגערקעלעך — פון די אמת'ע אתרוגים און איך זיץ מיט אָן אָפּען מויל און כ'וואַרט אויף דעם גראָהצער לייזונג ווי איי־נער וואַרט אויף משיח'ן...

...א טאָג, צוויי, דריי, מען זעהט נישט א הונט. איז מיר פּאַסקודנע אין מויל פון דעם גאַנצען עסק. און פיין טשאַרני נעהמט מיך גריזשען: סטייטש, איך העט באַ־דאַרפט ארויפשטעלען א שילד. כ'העט באַדאַרפט דאָס, כ'העט באַדאַרפט יענס. נו, מילא, זאָג איך, העטיך־וועטיך! דערווייל, זאָג איך, איז ביטער ווי גאַל. און איך הויב אָן אויסרעכענען: א קאַרטע פּשעמיסלאָווע האָט געקאָסט, א פּעסיל האָניג האָט געקאָסט, האָפּען

וואָס צו קומען אויף יענער וועלט. לערנען, זאָגט זי, קען איך ניש. מיט וואָס־זשע, זאָגט זי, זאָל איך דינען זיין ליי־בען נאָמען? — מיט די קוקורוזינעקלעך מיט דיינע? אָדער מיט די פּלאָמפּלעץ? — אזוי מיט א הלצה'לע.

...ברענג איך עס אויס קענען דעם אין וואס פאר א מדרגה איך בין דעמאָלט געווען, און דאָ האָט זיך נאָך דער פּריץ אין מיטען־דרינען אריבערגעצויגען מיט דער פּאכט קיין גאָלאָגור. מסחרים זענען אויך ניש געווען אזוי פוינעל־דיג. — עס האָבען זיך שוין דעמאָלט געהאט אָנגעהויבען די גוי'עשע געוועלבען מיט די אלע זאכען. און וואָס טויג עס דיר? פּרעמישלאנער אידעלעך, ברענגען זאָלען זייערע אָדערען! דאָס וועט דיר ניש באָרגען א גראָהצער ווען דו לאָזט דיך אויס. כאָטש שריי חי וקים!...

הכלל. ס'איז ביטער ווי גאָל. איך דרייה מיך אום אין מארק, קוק ווי פייגעלעך פליהען און טראכט אזוי ביי מיר: מאין יבא עזרי? דערווייל געהט אוועק א וואָך און נ אָ ך א וואָך און טאקע נ אָ ך איינע און קליינע קינדער — ווערים, דאָס וויל ניש וויסען פון קיין שום קונצען, סע וויל עסען. און מיין טשארנע אליין, זאָל זיין געזונט, גייהט אום הינטער דר'ערד...

— וואָס, זאָגט זי, פּאוועל, וועט זיין דער תכלית פון אונז — וואָס? פון דעם אומדרייהען זיך מיט'ן שטעקעלע, זאָגט זי, וואָס דו דרייהסט דיך אום, וועט גאָר־ניש זיין, און מיט קייען די באָרד, וואָס דו קייעסט, וועסטו ניש אָפּ־קומען, זאָגט זי, טאָמער, זאָגט זי, וואָלט געווען א פּלאָן אז מיר זאָלען ארויסשיקען אונזער העשלען צו דער שייהנער משפּח'טע אונזערע? פּאָרט, זאָגט זי, איינענע. ווי זאָגט, זאָגט זי, דער גוי: קראָוו ניע וואָדא. צי טאָמער, זאָגט זי, וואָלט געווען א פּלאָן, מ'זאָל שרייבען א בריעף צו בראָנ־הערשען, זאָגט זי, אָדער צו מאָנטעפיורען?

... הכלל, איך'ל דיר לאַנג ניש ציהען, מיין העשעל (וואָס קלערסטו, אז איך האָב דאָס געדאַרפט דערלעבען!)

טועכץ מיט דער ט א ב ע ל א צ י ע מיט מיינער, וואָס ס'איז געווען טאַבעלירט נאָך אויף מיין שווער עליו־השלום'ס נאָמען, און מען האָט מיר געמאַכט די פ א נ־ט א צ י ע און אָ פּ נ ע'פ ע נ'ט פון מיר אַלצדינג, פאַר מיין שווער עליו־השלום'ס חובות, און איך בין גע־בליבען, ווי מ'זאָגט אמאָל, נקי. ריין, ווי די מאַמע האָט מיך געהאַט, בין איך דאָך געוואָרען שטאַרק געפאַלען ביי זיך. ל י צ י ט י ר ט אין גאַס — ליציטירט. און איך שטעה און קוק־צו מיינע צרות. און דאָס הארץ — פּעך־פּעך! אזוי ווי מיט האַמערס... א קליינינקייט די בושה, מיט דעם וועהטאָג. אזוינס צו דערלעבען! אפילו דעם היינגלייכטער דער מאַמע'ס האָבען זיי ביי מיר אָפּגע'־פּענ'ט — די היצליעס. ס'איז, ווי מ'זאָגט אמאָל. א סך צו דערצייהלען און ווייניג צו הערען.

דעם הענגלייכטער!... — ס'איז דאָך א נאַרישקייט. נאָר פאַר־וואָס־זשע דערצייהל איך עס אייך? — פאַר וואוע? ווייל ביי מיין מאַמע'ן, עליה השלום, איז דער הענגלייכטער געווען ל'היי א רייניקייט, להבדיל. איהר מוזט נאָך געדענקען, ווי זי פלעגט ארומגייהן איבער דער שטאָדט נאָך ל ע כ ט. נאָר לעכט האָט זי געוואָלט. לעכט און לעכט. מ א מ ע פלעג איך צו'ן איהר טענה'ן, מאַמע לעבען, פאָלג מיך און קריך ניש אום אין די בלאָטעס און אין די ווילגאָטעס. דאָס מקום־קדוש, זאָג איך, וועט מען שוין, מיט גאָט'ס הילף, באַלייכטען אָהן דיר. דו זיץ בעסער, זאָג איך. אין דער היים, און גיב אכטונג, זאָג איך, אויף די ק ו ק ו ר ו ז ע נ ק ע ל ע ך, זיי זאָלען זיך ניש צוסמאַלען: דעמאָלט, אויב איהר געדענקט, זיינען נאָך אין אונזערע מקומות שטאַרק אָנגענאַנגען די קוקורוז־פלעצליך! זי אָבער, די מאַמע מיינע, מיינע רייד זאָלען איהר ניש צו שווער זיין: א חכמה איז זי דאָך געווען פון תמיד אָן — נאַרניש.

איך מוז, זאָגט זי. גייהן נאָך לעכט. אזוי פיעל מעג איך מיר כאָטש, זאָגט זי, אָנגרייטען, איך זאָל האָבען מיט

# מזל דאַרף מען האָבען

## גאַליצישער דיאַלעקט

ששׁ. רעד אביסעל שטילער. וועסט מיר נאָך חלילה איזדרעכנען ס׳קינד. זאָגסטו, הייסט עס, אז ס׳איז נאָר־ניש? אלץ נייהט פון זיך אליין?

ע־הע־הע! טאָסטים שוין ווידער מיט זיין פילוסופיע. אי, לאָז מיך נעמאך, כ׳בעטיך! דיינע אלע חקירות זענען ביי מיר נישט ווערט קיין צוויי פרוטות. ווארים ווידער אמאָל דאָס איינענע: אין פילוסופיע מוזטו זיך דאָך א ו י ך פארלאָזען אויף דיין איינענעם שכל. און אז א מענשענ׳ס שכל קען נישט תופס זיין א דבר וואָס איז למעלה מן השכל, האָבען מיר דאָך ערשט־נאָר־וואָס נע־רעדט.

שאָ. איך׳ל נארניש נייהן ווייט. איך׳ל דיר דערצייהלען א מעשה שהיה. על׳מיר הערען וואָס דו וועסט זאָנען דערצו.

אז איך האָב נעוואוינט אין פרעמישלאן, ווייסטו דאָך מסתמא. און אז איך האָב דאָרט נעהאט אן עסק מיט׳ן פריץ, נעדענקסטו דאָך מסתמא אויך. מילא, איך בין דיר נישט אויסען דארויף — ווי ס׳איז מיר דאָרטען נענאנגען אין פרנסה: — ווי אזוי ס׳איז נעווען — מע האָט נעקרוי־טיט, נעדרעהט מיט דער וועלט. דאָ נעמעקט זיך. דאָ נע־שמעלט זיך. אבי ס׳איז נעווען ס׳שטיקעל ברויט. און די עטליכע זילבער האָבען זיך נעדרייהט אין קעשענע — איז נעווען ניש צו פארזינדינען.

דערנאָכדעם אָבער אז סע האָט זיך אָנגעהויבען דאָס

שטעהט א קיילעכדיגע דאמף זעג און זעגט קלעצער מיט רער געשווינדקייט פון א בליץ.

עפעס א מאָרנע זעג און — אזא קונציגע!

געפעלט איהם די מעשה. און עס פאלט איהם איין צו שטעלען א פינגער צו דער זעג פּרובען צי זי איז שארף און —

קיין געלט אויף א קינסטליכע האנט האָט ער נעביך ניט געהאט. איז ער נעביך געווען א טאָפּעלטע קאליקע — אי אויף א פ ו ס אי אויף א ה א נ ט...

נאָר, ווי זאָגט ער, א מענש קאָן זיך צו אלצדינג צוגע־וועהנען. מיט דער צייט האָט ער זיך צוגעוועהנט באַנוצען די לינקע האנט אָנשטאָט די רעכטע, און ער וואָלט שוין נישט אזוי געפיהלט זיין אומגליק, ווען ניט דאָס וואָס ער האָט זיך אליין אויך נישט געפיהלט ווי אמבעסטען!

אזוי איז אוועק צוויי וואכען. איינמאָל איז ער זיך מישב און לעגט זיך אריין אין בעט אריין, פארדרייכערט זיך די ליולקע מיט דער לינקער האנט און פּיפּקעט גע־שמאַק. מאכט צו איהם דער פעטער זיינער: אפשר וואָלסטו אויפגעהערט רויכערען אין בעט? קענסט נאָך חלילה אָנמאכען א פייער צו אלדע גוטע יאָהר! מאכט ער: נעווערמיין! ס'איז אָלרייט! מאַנדזשעראַמביזנעס! און ווי ער זאָגט דאָס ארויס, קלעפּען זיך ביי איהם צו די אויגען פון מיעדקייט און —

צו זיין לויה, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם צווייטען טאָג, זענען געקומען פיעלע אנגעזעהענע פארמערס פון דער אומגעגענד.

פריעדען צו דיינע אשעס, מיסטער ווי איהר האָט דאָרטען געהייסען!...

האָט זיך אונזער קאָלעקטאָר ניט אָפּגעשראָקען נאָר פּאַמעליכקע אויפגערינגעלט דאָס רינגעל פון שטאָכעטע־טירעל און —

מען האָט איהם ענדליך פארבאנדאזשירט און אהיים געשיקט.

אין א פּאָר טעג ארום איז ער אראָפּ פון בעט, גענומען ס'ביכעל אונטער'ן אָרעם און ווידער אַוועק צו א קאָסטי־מער, וועלכער האָט געוואוינט ערגיץ אויף א טאָפּ־פלאָר פון א טענעמענט־הויז.

קומט ער אריין, טרעפט ער א הויכען גוי. ווי א ריעז, מיט א רויט פּנים ווי א צוויק, זיצט אין די הוילע פאנטאָ־פעל ביי א „פּיינטעלע“ ביער און פּראוועט „שלש־סעודות“.

מאכט ער: גוד־יווניעק, מיסטער קאָסטימער!

מאכט דער ערל: ווהאַדירזשעוויש?

מאכט ער: גימידימאָניע, פּליעז!

מאכט ער: סקידוּ!

מאכט יענער: גיב די מאָניע!

שטעלט זיך דער גוי אויף, ווישט אָפּ די טריפה'נע וואָנצעס, און — די אורזאכע פארוואָס די טרעפּ האָבען זיך נישט צעשאָטען איז דאָס, וואָס זיי זענען געווען פון מערמילשטיין.

דאָס מאָל איז ער אָפּגעלעגען אין שפּיטאָל איבער א חודש און איז ארויסגעקומען מיט א קוליע און בלאַס ווי א מת...

און א וויטשנע קאָליקע!

האָבען איהם די דאָקטוירים געהייסען פאָהרען אין קאַונטרי.

האָט ער זיך דערמאָנט ,אז ער האָט א פעטער ערגיץ, אויף א פארם, אין קענערע, איז ער אוועק אהינצו און האָט זיך אביסעל ערהאָלט.

איז איינמאָל געהט ער אזוי ארום באטראכטען זיין פעטער'ס באלעבאטישקייט, זעהט ער ווי אין דרויסען

# ת׳נ׳צ׳ב׳ה

א געשיכטע וואָס האָט
כישט קיין אינדערמיטען

...הקיצור, ער איז אוועק אין גאס און האָט אָנגעהויבען פעדלען. אָפּגעפּעדלעט אזוי א פּאָר טעג איז ער זיך מישב: ער וועט אוועק אין דער וועסט־סייד און דאָרט א פּעדעל טון צווישען די איירישע ערלים. וועט ער מאכען א סך געלט.

נעהט ער אזוי אויף דער צעהנטער עוועניו — קומט איהם אקעגען א לויפער און גיט איהם א ציפּ פאר׳ן באָרד. גיט ער איהם צוריק א שטורך. א ווארט פאר א וואָרט און —

אין צוויי וואָכען ארום איז ער ארויס פון האָספּי־טאל.

א צובראָכענער מענש, נעביך!

מילא פון פּעדלען האָט שוין נישט געקענט זיין קיין רייד. איז ער געוואָרען א קאָלעקטאר פאר א סטאָר וואס פארקויפט סחורה אויף אויסצאָהלען.

האָט איהם דער באָס געגעבען א ביכעל, מיט נעמען פון בעלי־חובות, איהם אָנגעזאָגט ער זאל זיך ניט שרעקען פאר קיין הונט און —

ער איז אין א מזל׳דיגער שעה אוועק קאָלעקטען.

דאָס ערשטע הויז וואו ער האָט בעדארפט אריין, איז געווען א דייטשע. איז פון פאָרענט ביים גערטענדעל געלע־גען א גרויסער הונט ווי א קאלב מיט אן ערנסט פנים און — געקוקט אויף אונזער קאָלעקטאר.

— אַט וועל איך זיך טאקע כאפּען און אייך אָנגעטראָווען מיינע געלדער!

— טו געטרויס נ י ט! ווער הייסט אייך?

— נעווער מיין, ווער הייסט אייך! פאר מיינע געלדער בין איך גלייך מיט ע נ י ב א ד י!

— טו דעפּאָזיט!

— וויפיעל?

— וויפיעל איהר ווילט!

— זעכציג וועט זיין גענוג?

— אפילו פערציג!

— אפשר דרייסיג?

— לאָז זיין צוואנציג!

— צעהן וועט איהר ניט נעמען?

— ניט אהער צעהן!

— נאט אייך פינף!

— לאָז זיין פינף!

— איהר ווילט טאקע? קוק עס אָן! איז באַלאַמוט ארויס פון די כלים — גיב איהם געלט, דעם ראָצער! פאר וואָס קומט דיר געלט — פאר וואָס?

— מיסטער, געהט ארויס פון דאנען און באליידיגט נישט קיין מענשען!

— שאררופּ! רעד נאָך א וואָרט, קריגסטו א פּלעם איבער'ן פּרעסער!...

און ביי די דאָזיגע ווערטער איז ער ארויס, בורטשענדיג:

— האָסטו געזעהן אזוינס! — גיב איהם פינפערלעך — גיב איהם!

— פינף און זעכציג קארבאטשעס, ווי די רעדער!...
ביי די לויזינגע שניידערייַ קען מען מאכען מיט די זייטען, ניט קיין טויזענדער! — האָט ער אָפּגעזאָגט אלצרינג מיט אמאָל.

דער קלוירק האָט מיט א שמייכעל ארויסגענומען א קארטעל, אויפגעצייכענט אלע נויטיגע זאכען און געבעטען באלאמוט׳ען אונטערשרייבען.

— ניט געטראָפען דעם קאָסטומער! — האָט באלא־מוט געזאָגט, צוריקווייזענדיג דאָס קארטעל — מיר פארשטעהען די טריקס.

— וואָסערע טריקס?

— אָט די טריקס מיט דעם אונטערשרייבען.

— אָבער איהר מוזט אונטערשרייבען. ס׳איז אזא רול ביי אונז!

— נעווער מיין רולס! — מיר האָבען שוין געזעהן גרעסערע רולס!

— אָבער, מיסטער, מיר האָבען ניט קיין צייט זיך צו באדערען. איהר ווילט אונטערשרייבען, צו ניין?

— איך׳ל אונטערשרייבען, אָבער נאָר מיט א י י ן האנט!

— אָל־רייט!

— ווי אזוי ספעלט איהר מיין נאָמען?

— פון וואנעט זאָל איך וויסען ווי אזוי איהר ספעלט אייער נאָמען?

— אויב אזוי — מאכט באלאמוט — זענט איהר דאָך טאקע א שווינדלער!

— מיסטער, ב ע ה י י ו ו ט זיך א ביסעל!

— נעווער מיין בעהייוועז! מיר האָבען שוין געזעהן גרעסערע קנאקערס!

— מיסטער, איהר ווילט דעפאָזיטען דאָס געלט, צי ניין?

— טו וויפיעל? — האָט שוין דער פּרעזידענט געפרעגט אומגעדולדיג.

— פיאַף און זעכציג קאַרבאַטשעס, ווי די רעדער.

— דזשים! — האָט דער פּרעזידענט אַ רוף געטון און אָפּים באַי — פיהר אַרונטער דעם דזשענטעלמאַן אונטען. ער וויל מאַכען אַ דעפּאָזיט.

דזשים האָט אָנגענומען דעם קאַסטומער־שניידער פאַר אַן אַרבעל און איהם איבערגענעבען צוריק צום ספּעשעל פּאָליסמאַן.

— מיסטער מענעדזשער! דער דזשענטעלמאַן וויל דעפּאָזיטען זיינע געלדער! — האָט דער „ספּעשעל" איבערגעגעבען די ידיעה ווייטער.

דער מענעדזשער, אַ יונגער מענש, מיט גלאַנציג־שוואַרצע האָר און וואָנצעס, האָט זיך באַלד באַוויזען.

— וואו איז דער דזשענטעלמאַן וואָס וויל דעפּאָזיטען זיינע געלדער? — האָט ער געפרעגט אַרויסקומענדיג פון אונטער די גראַטקעס, מיט אַ בלייפעדער אונטער'ן אויער.

— אָט בין איך! — האָט באַלאַמוט אויפגעהויבען די האַנט.

— וויפיעל.

— פינף און זעכציג.

— הונדערט?

— וואָסערע הונדערט? ביי די לויזינע שניידעריי קען מען מאַכען מיט די זייטען, ניט קיין הונדערטער.

— טו וויפיעל?

— פינף און זעכציג קאַרבאַטשעס ווי די רעדער!

— סיי, מיסטער רודערמאַן! — האָט דער מענעדזשער אַ רוף געטון צום קלוירק — דער מאַן וויל דעפּאָזיטען זיינע געלדער. און צו באַלאַמוטען האָט ער געזאָגט:

— געהט, זייט מוחל, צו צו יענעם פענסטערעל, וועט מען ביי אייך צונעמען דאָס געלט.

— וויפיעל? — האָט געפרעגט דער קלוירק.

# גיב איהם פינפערליך

אויסגעפוצט אין די שענסטע מלבושים, מיטביידע הענט אויף דער רעכטער קעשענע, איז מיסטער באלאמוט, דער קאסטומער־שניידער, אוועק דעפאזיטען זיינע ערשטע פינף און זעכציג דאלאר.

— וואו איז דער פרעזידענט? — האט ער מיט א וואזשנעם טאן א פרעג געטון ביים ספעשעל פאליסמאן וואס איז געשטאנען ביי דער טיר — איך וויל דעפאזיטען מיינע געלדער.

דער ספעשעל פאליסמאן האט איהם מיט גרויס כבוד ארויפגעפיהרט אויפ'ן ערשטען פלאר צום פרעזידענט.

— דיזער דזשענטעלמאן וויל דעפאזיטען זיינע געלדער אין אונזער באנק — האט דער ספעשעל פאליסמאן פארגעשטעלט באלאמוט'ען פאר'ן פרעזידענט פון דער באנק.

— עס פרעהט מיך זעהר אייך צו קענען — האט דער פרעזידענט איהם באגריסט און האט געפרעגט: — אלזא, וויפיעל?

— פינף און זעכציג! — האט באלאמוט געענטפערט שטאלץ.

— פינף און זעכציג טויזענד? — האט דער פרעזידענט איבערגעפרעגט.

— וואסערע טויזענדער! — האט באלאמוט אויסגעשטעלט א פאר אויגען — ביי די לויזינגע שניידעריי האט איהר געוואלט איך זאל מאכען טויזענדער? מען מאכט היינט מיט די זייטען, מיסטער!

מיר צוריקגעבען ס׳געלט, ווייל איך עס דוקא נישט נעמען. איהר קענט מיך — זאָג איך — נישט צווינגען דערצו...

זאָגט ער: אָלרייט, נעמט נ י ש ט ארויס ס׳געלט.

זאָג איך: נעווערמיין, „נעמט נישט ארויס ס׳געלט". אז איכ׳ל וועלען וועל איך ארויסנעמען.

זאָגט ער: פליעז, געהט ארויס און הערט אויף נודיען!

זאָג איך: אָלרייט, איך געה, אָבער איכ׳ל ש ט ע ה ן א י ן ד ר ו י ס ע ן. אין די נעקסטע פרעסט וועל איך שטעהן אין דרויסען און וואטשען מיינע געלדער. און מיין אונשולדיג בלוט, — זאָג איך — און דאָס בלוט פון מיינע אונשולדיגע יתומים וועט פאלען — זאָג איך — אויף אייערע קעפּ. באנדיט! — זאָג איך — וואָס איהר זענט. דעם לעקטרי־טשער, — זאָג איך — איז פאר אייך ווענוג... היצעל! מערדער! נעוואל־ל־ד!

און איך נעם שרייען מיט אלע כחות.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דער סוף איז געווען, אז מ׳האָט מיר אָפּגעגעבען די צוואנציג דאָלאר און אהיימגעהענדיג פון באנק, האָט מען זיי ביי מיר ארויסגע׳גנב׳עט פון קעשענע...

און פון דעמאָלט אָן (אזוי ענדיגט דער איד וואָס דערצעהלט די דאָזיגע געשיכטע) פון דעמאָלט אָן האָב איך זיך געגעבען א שבועה, אז מיין פוס זאָל נישט אריי־בערטרעטען די שוועל פון א באנק. ס׳איז רעגעלע באנ־דיטען איז דאָס! קעשענע־גנבים! פּיקפאקעטס! לאָ־זען זיי זיך אָנצינדען!

רער... ס'איז מיר נישט נעלעגען... אָבער נייע גראַטעס האָט איהר געמאַכט?...

זאָגט ער: ניין.

זאָג איך: נו, און די געביידע האָט איהר איבערגע־בויעט, צי אויך נישט?

מאַכט ער: פּליעז, הערט־אויף באַדערען.

זאָג איך: אויב איהר האָט נישט געמאַכט קיין נייע גראַטעס און די געביידע האָט איהר אויך נישט איבער־געבויעט, און דאָס שעהנע קאַסירערעל אייערס האָט איהר נישט אָפּגעשאַפט, טו נים־זשע מיר אהער, — זאָג איך — די געלדער!

זאָגט ער: איהר מוזט ווארטען ביז וואנען עס וועט זיין פולע צוויי וואָכען.

זאָג איך: אָלרייט. איכ'ל ווארטען. אָבער ווייסט איהר וואו איכ'ל ווארטען? — אָט דאָ אין דרויסען פאר דער באַנק, וועל איך ווארטען. איהר וועט ביי מיר — זאָג איך — קייען די ערד און קיין סאַטיספעקשאָן — זאָג איך — וועט איהר ביי מיר נישט אויספיהרען. איך זאָל אפילו וויסען, אז מיינע קינדער וועלען בלייבען אָהן א טאַטען, וועל איך מיך נישט ריהרען פון דרויסען, ביז וואנען איכ'ל נישט האָבען צוריק ס'געלט. איכ'ל נישט איבערלאָזען — זאָג איך — די באַנק אויף הפקר. א י ך — זאָג איך — וועל וואַטשען און מיין לאַנדסמאַן, וואָס וואוינט דאָ נעגענאיבער, וועט וואַטשען... סע'ט זיך טון, — זאָג איך — חושך! אָט אזא מין איד בין איך!... איכ'ל דאָ שטעהן אין דרויסען — זאָג איך — אין די גרעסטע פרעסט, און לאָמיך זעהן — זאָג איך — טוט מיר עפּעס. דו מי סאַמטינג!

מאַכט ער צו מיר: איהר זענט א מאָדנער מענש, קומט אראָפּ מיט מיר אונטען אין באַנק, וועל איך אייך הייסען אויסצאָהלען — זאָגט ער — אייערע 20 דאָלאַר.

זאָג איך: נאָסער! אזעלכע מאָנקי־ביזנעס געהען ביי מיר נישט און ווייל — זאָג איך — איהר ווילט

אָבער שלאָפען האָב איך ווידער נישט געקאָנט.

א גאנצע נאכט האָט זיך מיר אַלץ אויסגעדראכט, אז דאָס קאסירערל וואָס האָט מיר געגעבען ס'ביכעל האלט אין דער האנט א זעקעל מיט געלט און לויפט. און איך ג אָ ך א י ה ם... און איך האָב ווידער עטליכע מאָל געשריגען געוואלד פון שלאָף און געוואָרפען מיט די הענט, און שיעור דער'הרג'עט די בייבי...

צו מאָרגענס גאנץ פריה בין איך אוועק צו א לאנדס־מאן, וואָס וואוינט גראָד אקעגען דער באנק, און איך האָב איהם צוגעזאָגט דרייסיג פראָצענט פון דעם פארלוסט, אבי ער זאָל האלטען אן אויג אויף דער באנק און ער זאָל זי וואטשען. „וואטש!" האָב איך איהם געבעטען, „זייַ און וואטש! לאָז נישט אראָפּ — זאָג איך — אן אויג פון דער באנק, און אזוי ניך, — זאָג איך — ווי נאָט וועט מיר העלפען און די צוויי וואָכען וועלען בשלום ארי־בער, איז כאפ איך גלייך ארויס — זאָג איך — די צוואנציג טוהלער, און לאָזען זיך — זאָג איך — אָנצינ־דען אלע בענק. מעהר, — זאָג איך — טרעט איך דאָרט נישט אריבער די שוועל!"

דערווייל געהען אוועק נאָך צוויי טעג, לייען איך אין די פּייפּערס, אז מ'האָט באַ'גנב'עט א באנק, ערגיץ אין די בראָנקס. לויף איך אוועק צום פּרעזידענט פון מיין באנק און זאָג איהם:

— ס'איז ביטער!

מאכט ער צו מיר: וואָס איז דער מעהר?

זאָג איך: מען גנב'עט!

זאָגט ער: ביי מיר וועט מען נישט גנב'ענען! מיין באנק איז באוואָרענט.

זאָג איך: נו, און וואָס טוט איהר, למשל, אז אייער קאסירערל כאפּט צו ס'געלט און אנטלויפט?

זאָגט ער: מיסטער, איהר ווייסט נישט וואָס איהר רעדט!

זאָג איך: נו, מילא... ווייס איך נ י ש ט וואָס איך

אז דער פרעזידענט איז אָנגעקומען, האָב איך איהם פארנומען אָן א זייט און איהם געזאָגט, אז ער מוז האָבען נייע גראטעס פאר דער באנק און נאָך מיין מיינונג, — זאָג איך — איז די גאנצע געביידע א שוואכע, און מען דארף זי איבערבויען. מען דארף זעהן, — זאָג איך — אז די גאנצע געביידע זאָל זיין פון סאמע מ ע ר מ ע ל - ש ט י י ן, ווייל מערמעלשטיין, — זאָג איך — איז הארט.

מאכט ער צו מיר: אָלרייט. איך דאנק אייך פאר דער עצה.

זאָג איך: גערענקט־זשע, למע"ה! א נייע געביידע פון מערמעלשטיין! און נייע גראטעס.... און סע זאָל זיין, — זאָג איך — גוט באוואָרענט... איך בין עקסטרא — זאָג איך — געקומען צו לויפען פון בראָנזוויל... ווייל סע האָט זיך מיר, — זאָג איך — גע'חלומ'ט אז מ'האָט אונז בא'גנב'עט...

און איך לויף אוועק צו דער ארבייט.

פארנאכט, אז איך דארף אהיימפאָהרען, טראכט איך: איכ'ל פארביינגעהן די באנק זעהן וואָס סע הערט זיך. מ'קען קיינמאָל נישט וויסען, — טראכט איך — ווי אזוי א זאך, מאכט זיך. סאמעריקע! — טראכט איך.

איך קום אזוי צו צו דער באנק און איך גיב א קוק, זעה איך: עפעס א איד פליהט ארויס פון באנק און — הויבט אָן לויפען.

הויב איך אָן שרייען געוואלד! און — איך לויף איהם נאָך... אזוי לאנג ביז וואנעט א פּאָליסמאן האָט איהם אָפּגעשטעלט. און וואָס, מיינט איהר, האָט זיך ארויסגעוויזען? עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז דער איד איז אָנגעשטעלט אין באנק און אז ער איז געלאָפען כאפען א קאר, ווייל דאָס ווייב געהט איהם צו קינד מיט א מיי־דעלע.

האָב איך מיך א קאפּעלע פארשעמט און אהיימגע־פאָהרען.

נעבען ס'נעלד, אז איך מוז ווארטען צוויי וואָכען. סאַ רול אזא.

זאָג איך: אויב אזוי, טו לייענט־זשע מיר איבער וואָס איהר האָט ארייגעשריבען אין ביכעלע. לאָמיך זעהן, — זאָג איך — צו איהר ווייסט וואָס איהר האָט דאָרטען ארייגעשריבען. עפעס — זאָג איך — האָט איהר עס מיר געמאכט צו שנעל. עס גלויבט זיך מיר נישט, — זאָג איך, — אז מ'זאָל אזוי גיך קאָנען פארשרייבען אזויפיעל געלט.

נעמט ער ביי מיר צו ס'ביכעלע און לייענט איבער: צוואנציג טוהלער.

זאָג איך: אַלרייט. געדענקט־זשע! ס'איז צוואנציג טוהלער! און זאָלען די אידען — זאָג איך — וואָס שטעהען לעבען פענסטערעל, זיין עדות. אידען! — זאָג איך — זייט עדות, אז איך האָב דאָ אין באנק צוויי קנאקענדינע צעהנערלעך!

און איך נעה אהיים מיט'ן ביכעלע.

מילא פארשטעהט זיך, אז פון שלאָפען איז שוין נע־ווען אָפגערעדט. א גאנצע נאכט האָט זיך מיר גע'חלומ'ט, אז רויבער זיינען באפאלען די באנק און מ'האָט אויס־גערויבט וואו א פעני. עטליכע מאָל דורך דער נאכט האָב איך זיך אויפגעוועקט און געשריגען געוואלד, און אז סע איז געוואָרען טאָג, האָב איך די ערשטע זאך געכאפט די קאר און אוועקגעלאָפען צו דער באנק.

זי איז געװען גאנץ. נישט אויסגערויבט. א שטיין איז מיר אראָפ פון הארץ.

נאָר אזוי ווי איך בין אזוי געשטאנען ביי דער באנק און באטראכט דאָס פענסטער, איז מיר איינגעפאלען, אז די גראטעס זיינען צו שוואך און אז מ'דארף האָבען נייע גראטעס.

בין איך שוין אזוי געשטאנען מיט'ן לאָנטש־קעסטיל אין האנט און געווארט ביז דער פרעזידענט פון באנק וועט אָנקומען.

סע מאכט צוואנציג?... „עי!" האָב איך געטראכט, „עפּעס געפעלט מיר נישט דער גאנצער עסק!"... און איך בין צוגעלאָפן צום פענסטערעל, אוועקגעשטופּט דעם אידען וואָס איז געשטאנען אין ליין און ארייננגע־שריגען צו דעם בחור׳על דאָרטען אינוועניג. „העי!" האָב איך איהם ארייננגעשריגען, „איך האָב אייך אקאָרשט אוועקגעגעבען צוואנציג דאָלאר!"

— וואָס־זשע ווילט איהר? — מאכט צו מיר דאָס קאסירערעל און פארשניצט זיך א בלייפעדער.

— איך וויל, אז איהר זאָלט נישט זיין אזא עזות־פּנים! — זאָג איך — אז נישט כאפּסטו א פלעם איבער די פּיסקעס אז דער גוטער יאָהר וועט דיך צונעמען.

מאכט ער צו מיר: מיסטער וואָס ווילט איהר? איך האָב אייך געגעבען א ביכעל? — ראצאָל!

— איצע נאָף! — זאָג איך. — איך וויל מיט דיר מעהר נישט רעדען, דו בלוטזויגער, — זאָג איך — וואָס דו ביסט. איך זעה שוין, — זאָג איך, — אז איך בין דאָ ארייננגעפאלען אין די ריכטיגע הענט. גיב מיר צוריק —זאָג איך — ס׳נעלד און לאָמיר — זאָג איך — זיין אוים מחותנים.

מאכט ער צו מיר: צימפּאסיבל!

זאָג איך: איכ׳ל דיר באלד געבען א צימפּאסיבל, אז דער גוטער יאָהר וועט דיך צונעמען. שווינדלער, — זאָג איך — וואָס דו ביזט. מיט מ י ר — זאָג איך — וועסטו נישט מאכען אזעלכע שטיק. גיב אהער די געל־דער, — זאָג איך — איידער — זאָג איך — איך רוף פּאָליציייסקע און איידער — זאָג איך — איך שריי גע־וואלד. גע־וואה־לד!, — צעשריי איך זיך אוים׳ן קול — גע־וואה־לד!

דערהערט אז איך שריי געוואלד, איז ער שוין געוואָ־רען א ביסעל ווייכער — דער בחור, און מיר גענומען געבען צו פארשטעהן, אז איצט קאָן ער מיר נישט צוריק־

# מיין ערשטער דעפּאָזיט

איך ווייס נישט ווי אזוי דאָס איז געשעהן. ווי אזוי סע איז מיר גאָר איינגעפאלען אזא געדאנק צו נעמען מיינע בלוטיגע געלדער און זיי אָנגעטרויען א באנק! אָבער עס איז געשעהן. מוצאי־חנוכה פון היינטיגען יאָהר האָב איך גענומען מיינע שווער פארהאָרעוועטע געלדער — מיינע צוואנציג דאָלאר — און זיי אוועקגעטראָגען אין באנק אריין און אָנשטאָט געלט — ל ע ב ע ד י ג געלט, וואָס מען קאָן דערמיט קויפען וואָס מען וויל, האָב איך געקראָגען עפּעס א גרין ביכעלע, צונויפגעלעגט אין א געל קאָנווערטעל, און — דאָס אלעס. אז איך האָב דאָס דערזעהן איז מיר איינגעפאלען ס׳הארץ, און איך האָב שוין חרטה געהאט אויף דעם גאנצען ענין.

ערשטענס איז מיר נישט געפעלען געוואָרען דאָס בחור׳על וואָס שטעהט ביים פענסטערעל און נעמט צו ס׳געלד. א יונג בחור׳על. נישט קיין פארהייראטס. וואָס טו איך איהם, אז ער נעהמט צו ס׳געלד און אנטלויפט? און צווייטענס איז מיר נישט געפעלען ווי אזוי ער האָט מיך באהאנדעלט: צוגענומען ס׳געלד, א כאפּ געטאָן עפּעס א ביכעלע, אריינגעשריבען דאָרטען וואָס־נישט־איז, דערלאנגט דערמיט א קנאק אויפ׳ן פענסטערעל און א זינג געטון: „נעקסט!“...

אזוי גיך ווי איך האָב געקראָגען ס׳ביכעלע האָב איך א קוק געטון אינעווייניג און... ס׳איז אין מיר פארקיהלט געוואָרען וואו איך האָב געהאט א טראָפּען בלוט. וואָס איז דאָס פאר א מין געשריפטס? און ווי אזוי וועט ער עס קאָנען איבערלייענען? און פון וואנעט ווייסט ער, אז

אין געריכט האָט דער פאַראורטיילטער באַמערקט:
— מע׳וואָלט געקענט לעבען, נאָר מע׳לאָזט נישט!

---

פון פריזאָן איז ער אַרויסגעקומען אַ גענענדיגטער — טשאַכאָטניק. ער האָט געהוסט און אונטערגעשפּיגען מיט בלוט. זיין פּנים איז געווען געל ווי זיין — נאַטור, און די אויגען האָבען געקוקט אַזוי רחמנות׳דיג פון אונ־טער דעם דאַשיק פון קאַשקעט...

די אויגען פון אַ בעל־תשובה...

ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט לאַנג ניט לעבען, האָט ער גענומען זיך דערמאַנען אין דער היים, אין טייך וואָס האָט איהם צוגערוישט די ערשטע סודות פון לעבען, אין זיין מוטער׳ס בלייכע הענט, וואָס טונקען זיך אין גלאַנץ פון שבת־ליכט. אין דער געשטופּעלטער קאַשיאַ... אין די ווייסע נערטנער — מיט קאַרשען־צווייגט.

האָט מען איהם אוועקגענומען אין אַ שטאָטישען סאַניטאַריום, אַרויסגעשטעלט איהם אין דרויסען און איהם געלופטערט...

און געריינינגט זיין נשמה — מיט דעם ריינעם ליכט פון גאָט׳ס זון...

אָבער איינמאָל, אין אַ פייכטען פריהמאָרגען האָט זיך אונטער זיין בעטעל אוועקגעשטעלט דער מלאך־המות, איבערגעוואונקען צו איהם און געזאָגט: „קום!“

— מע׳וואָלט געקענט לעבען, נאָר מע׳לאָזט נישט!
— האָט ער צום לעצטען מאָל באַמערקט און איז אויס־געגאַנגען...

זומער און מיט אויגן וואָס האָבן געלויכטען ווי אונ־טערגעצונדענער בראַנפען...

א חנ'עוודינגע שיקסע!

נאָר איינמאָל האָט זיך פּאַרלאָפען א מעשה, אז קאַ־שיא'ס פאָטער, א פשוט'ער ערל, מיט גזלנ'ישע וואָנצעס, האָט עפּעס באַמערקט נים קיין שעהנע זאַך פון זיין קאשיא'ן און פון איהר אידישען געליעבטען, און אזוי ווי ער, דער פאָטער, האָט גראָד אין יענעם מאָמענט גע־האַלטען אין האנד א גראַבליע, האָט ער דערלאַנגט דעם בחור מיט דער גראַבליע און האָט איהם שיעור געמאכט פאַר א קאַליקע.

— מע'וואָלט געקענט לעבען, נאָר מע'לאָזט נישט!

— אזוי האָט באַמערקט דער צע'דם'טער בחור און איז אנטלאָפען איבער די פעלדער...

---

ער איז געקומען קיין אמעריקא.

אין אָנפאנג האָט ער געפּערעלט, פאַרשוואַרצט גע־וואָרען, אָבער מיט דער צייט האָט ער זיך אויסגעגרינט, האָט זיך באַקענט מיט די בחורים, וואָס האָבן געגאָלטע נאַקענס, טראָגען קאַשקעטען מיט קעסטעלעך און די דאַ־שיקעס אויף א זייט...

און ער איז געוואָרען מיט זיי איין לעבען, מיט איין נשמה.

און ער האָט ווידער גענומען גלוסטען.

גלוסטען רייך צו ווערען.

איז ער אריין אין א באַנק־געשעפט, א כאַפּ געטון פון פענסטער עטליכע טויזענד דאָלאַר בילס און געוואָלט אנטלויפען.

האָט דער ספּעשעל פּאָליסמאַן אויסגעשטרעקט די אָרעמס, איהם צוגעדריקט צו זיין ברוסט און איהם גע־שלאָגען טויטשלעק.

# מע וואָלט געקענט לעבען
# נאָר מע לאָזט נישט

א לעבענסבאַשרייבונג

שוין קליינערהייד האָט ער געהאט א טבע צו גנב'ענען און כאפען פון די שטעלען. אלץ וואָס ער האָט געזעהן האָט ער פארטשעפעט. אויב ניט מיט דער האנט איז מיט א פוס, איז ניט מיט א פוס, איז בדאי מיט אן אויג... אבי עפעס!

איינמאָל בשעת ער איז געשטאנען לעבען א זיצערקע און באטראכט ווי זי מעסט די פעטע קארשען אין א גלעזעל, האָט ער אָפּגעטשאטעוועט א מינוט, ווען די זיצערקע האָט זיך פארקוקט, און אָנגעכאפט א פולע זשמעניע מיט שווארצע קארשען...

אָבער די זיצערקע האָט איהם געכאפט ביי דער האנט, איהם גוט אויסגעפאטשט די פיסקעס און צוריק צוגענומען די קארשען.

דעמאָלט האָט ער, צום ערשטען מאָל, געמאכט די באַמערקונג:

— מע וואָלט געקענט לעבען, נאָר מע'לאָזט נישט!

---

אז ער איז אונטערגעוואקסען און געוואָרען א בחור האָט ער גענומען גלוסטען צו שיקסעס. ער איז געווען געזונט, גוט־ענטוויקעלט, ניט קיין מיאוס'ער — האָט ער געהאט מעהר־ווייניגער מזל.

האָט ער זיך איינגעליעבט אין א שיקסע מיט'ן נאָמען קאשיא, א הויכע, א געשטופעלטע ערל'טע, מיט הענט וואָס זענען געווען פארברענט פון קאָסען דאָס חיי יעדען

ווי עס צו טון... ווייל עס איז שוין ביי מיר אזא משפחה־פעהלער. פון ציים צו ציים מוז איך ערמאָרדען ענטוועדער א פרוי אָדער א מאן. אמאָל קומט מיר אָן — ערמאָרד איך א קינד אויך. אָבער ווי נעזאָגט, דרינגען דערפון, אז איך בין א פארדאָרבענער מענש, ווי מאנכע פון אייערע שרייבער טוהען, — דאָס איז ניט ריכטיג. איך באַהויפטע, אז איך בין יאָ אן אנשטענדיגער מענש! די צרה מיט מיר איז בלויז, וואָס איך וויל זיך ניט איינהאלטען. סע לוינט זיך מיר נישט. ווייטער, ווען איך זאָל נאָר וועלען, וואָלט איך געקענט זיין א מענש מיט מענשען גלייך.

היינט וואס־זשע זאָגט איהר, אז א מענשען ווי איך דארף מען שניידען אין שטיקער און ווארפען פאר די הינט! וואו איז דער שכל? און וואו איז דאָ דער גרויסער חטא וואָס איך האָב באגאנגען, דערמיט וואָס איך סטיק צו מיינע משפחה־פעהלער? אדרבא, וואָס גיט איהר א שפיי און לויפט אַוועק?..

מיניז פון די קעשענעס און איהם אָנגענומען הינטערוויי־לעכם פאר די לאַנגע פיס און איהם אריינגערוקט אין אויוועז אריין.

מיינט איהר צו זאָגען, אז איך אלס א י נ ד ז ש י ו ו י ־ ד ז ש י ו ם בין שולדיג אין א פאַרברעכען? גאָר ניט: עס האָט זיך פארגלוסט — האָב איך געטון. ניט אַזוי? טו ווער־זשע איז שולדיג אויב ניט די... „הערעדיט“.

צי נעמט דעם פאל מיט דעם פיקעל־מאַן, וועלכען איך האָב צושניטען אויף זעקס שטיקער און אריינגעלעגט אין א קאַסטען, און דאַן האָב איך דעם קאַסטען אריינגעוואָרפען אין ריווער. דענקט איהר פיליכט, מיסטער נאַדיר, אז איך האָב עס געטון דערפאר ווייל איך בין חלילה א פאַר־דאָרבענער מענש? חלילה. איך האָב עס בלויז געטון דער־פאר... ווייל איך האָב געפיהלט ווי עמיצען צו דער׳הרג׳ע־נען, טאָ וועמען קען מען דערפאר בליימען — אויב ניט מיינע עלטערען?

צי נעמט א שטיינער די איצטיגע קיים מיט דעם מיידעל, פאר וועלכען מען האָט מיך פאַראורטיילט צום לעקטריטשער. גלויבט איהר אויף א מאָמענט, אז איך האָב דאָס געטון דערפאר, ווייל איך האָב ניט האָלד קיין מיידלעך? אדרבא. ניט מעהר, זי האָט ניט געוואָלט ארויסגעהן אין גאס, האָב איך איהר דערלאַנגט א זעץ אין פלייצע מיט א מעסער, דערנאָך האָב איך איהר אריינגע־שאָסען עטליכע קוילען, און ווען זי איז אַנידערגעפאלען א טויטע, האָב איך זי צוגעטאָפטשעט מיט די פיס. דאצאָל. דאָס קינד איהרס, האָב איך נאָכדעם אריינגעלעגט אין א זעקעל, עס אוועקגעטראָגען צום וואסער, עס אָנגענומען ביי די פיסלעך ווי א היהנדעל און אריינגעוואָרפען אין וואסער אריין — פליוך!

מיינט איהר צו זאָגען, אז איך האָב דאָס געטון, ווייל איך בין ניט קיין אנשטענדיגער מענש? אָדער אביסעל אן אויפגערעגטער? ס ע ה ע ב צ י כ נ י ש אָ ן! איך האָב עס געטון דערפאר, ווייל איך האָב ג ע פ י ה ל ט

אַט נעמט מיין אייגענעם פאַל, למשל.

שוין ביי מיין זעקסטען יאָהר האָב איך געהאַט אַ טבע, אַז איך פלעג ליעב האָבען גנב'ענען. וואָס די אויגען האָבען דערזעהן האָבען די הענט פאַרטשעפּעט. געלט — איז געלט. פייפעלעך — איז פייפעלעך. קאַרשען אויף די בוימער — איז קאַרשען אויף די בוימער. און עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז ביי מיין זיבעטען יאָהר, האָב איך שוין גע'גנב'עט געלט פון אַ מאיר־בעל־הנס פּושקע. ביי מיין אַכטען יאָהר האָב איך אַרויסגע'גנב'עט דעם זיל־בערנעם עץ־החיים פון אָרון־קודש און איהם פאַרקויפט צו אַ גוי פאַר עטליכע קאָפּיקעס. וואָס האָט דער טאַטע געזאָגט? וואָס האָט ער געזאָלט זאָגען? ער האָט מיך געשלאָגען ווי אַ הונט! און אַז שלאָגען האָט ניט געהאָל־פען — האָט ער גערעדט צו מיר מיט גוטען. געוויינט, געגאָסען טרערען איבער זיין שעהנער באָרד. די מאַמע האָט גע'חלש'ט, געקלאָגט. זיך געריסען די האָר פון קאָפּ. אָבער איך האָב זיך ניט געקענט העלפען. ווארים דאָס איז אַזאַ גע'ירשנ'טער פעהלער ביי מיר!

נאָכדעם די מעשה מיט'ן מלמד. מיינט איהר, עס האָט מיר ניט ווערה געטון ס'הארץ אויף איהם? אַ טאַטע פון קליינע קינדער. אַ שטיל מענש'ל ווי אַ פליג. נו, וואָס האָב איך געזאָלט טון, אַז איך האָב איהם פאַרט געוואָלט אויסדרעהען אַ פּוס און איהם מאַכען פאַר אַ קאַליקע דערפאַר וואָס ער האָט מיר געהייסען מעביר זיין די סדרה? האַ? !

צי נעמט די צווייטע מעשה מיט דעם בעקער, וועל־בען איך האָב אַריינגעשטופּט אין אַ גליהענדען באַק־אוי־וועז. מיינט איהר איך האָב עפּעס געהאַט צו איהם? איך האָב איהם אַפילו ניט רעכט געקענט! נאָר אַז איך בין אַריינגעקומען אין בעקערי־קעלער און דערזעהען, אַז ער שטעהט געבעך אַ פאַרשוויצטער ביים אויווען און זעצט ברויט, האָב איך איהם דערלאַנגט אַ קנאַק איבער'ן קאָפּ מיט אַ בלעקדזשעק, צוגענומען ביי איהם דאָס ביסעל

# אַ משפּחה פעהלער

ער איז געשטאַנען אויף יענער זייט גראַטעס, אָנגעטון אין זיין געשטרייפּטען אַנצוג, און מיר אויסדערצעהלט זיין ביטער האַרץ אויף פאָלגענדען אופן:

מענשען מיינען, אַז איך בין אַ שלעכטער פאַרדאָר־בעטער יונג. אָבער דאָס איז ניט אמת. אדרבא. ווי איהר קוקט מיך אָן בין איך בטבע גאָר אַ וואויל מענש'ל. ריין ווי אַ בייבי. האָב אַ גוט האַרץ אויף אידען און אונשול־דיג — אזש סאַ פּחד! אַי, ווי אַזוי קום איך צו מיין איצטיגער לאַגע, מיסטער נאַדיר? וועל איך אייך דער־צעהלען, אַז אין מיין גאַנצען אונגליק איז קיינער ניט שולדיג נאָר מיינע עלטערען. פאַרוואָס מיינע עלטערען? דוכצעך אַזוי זענען זיי דאָך גאַנץ אָנגעזעהענע מענשען... נעמט דעם טאַטען מיינעם, למשל, כאָטש ער איז מיין אייגענער טאַטע, פונדעסטוועגען מוז איך אויף איהם זאָ־גען דעם אמת, אַז ער איז אַ הויפּט־עהרליכער מענש. יענעמס פּעני איז ביי איהם אַן אויג אין קאָפּ און פון טון יענעם שלעכטס איז דאָך אָפּגערעדט. און דאָס נעמליכע מיט דער מאַמע'ן מיינער. סע פּאַסט ניט צו זאָגען, אָבער דער אמת איז, אַז זי איז אַן אמת'ע צדקניות. און גוט אויס דער נאַטור! נאָר... אויב איהר לעזט אַמאָל די אַר־טיקעלס אין די פּייפּערס וועט איהר זעהן, אַז איך בין פּאַרט אַ קרבן פון... מיינע טאַטע־מאַמע. אַזוי שרייבען כמעט אַלע פּראָפעסאָרען אין די ענגלישע זונטאָג־פּיי־פּערס. זיי רופען דאָס אָנעט „הערעדיט". דער טייטש דערפון איז, אַז... אַן אינדזשיווידזשיואום איז אַליין ניט רעספּאָנסיבל פאַר זיינע פאַרברעכענס, ביקאָז — דאָס קומט בירושה און מען קען זיך נאָרנישט העלפען — קען מען זיך ניט!

— עפּ! — פּרייכט ער און שטעלט אוועק די דאָזיגע צוויי זייגערס אויפ׳ן דיל: זאָלט איהר פאַרנוצען געזונטערהייט... עפּ... מיין מתנה. ווי געפעלען אייך... עפּ... פיינע צוויי זייגערס?

— ז ע ה ר א פיינע מתנה — זאָגט מיין פרוי און דריקט איהם די רע כ ט ע האַנט.

— און זעהר א נ י צ ל י כ ע מתנה! — זאָג איך און דריק איהם די לינקע האַנט.

— איך האָב אייך... עפּ... געוואָלט קויפען נאָך איינעם! — פּאַכט מיין פעטער אויף זיך מיט זיין טאַשענטיכעל — נאָר איך האָב נישט געוואוסט — מאַכט ער — צי איהר קעהרט אזוי פאַר זייגערס!

— וואָס רעדט איהר? — זאָג איך און איך פיהל ווי איך פאַל ביסלעכווייז אריין אין היסטעריע — זייגערס זיינען מיין גאַנץ לעבען! נאָך פון קליינערהייט אָן האָב איך נישט געקאָנט לעבען אָהן זייגערס...

ביי די דאָזיגע ווערטער האָט זיך געעפענט די טיר און עס איז אריינגעקומען מיין מומע מיט א ס ע ט פּאַרצעלייען געשיר.

אָבער איך בין שוין געווען אזוי צורודערט, אזוי היסטעריש, אז איך האָב נישט געוואוסט וואס עס טוט זיך מיט מיר.

איך האָב אָנגענומען מיין מומע ביים שייטעל, האָב זי ארויסגעשלעפּט אין האָל אריין, צובראָזגעט דעם גאַנצען ד י נ ע ר ־ ס ע ט, און געהענדיג א טענצעל אויף די פּאָרצעלייענע חורבות האָב איך געכליפּעט און געשריען:

— גיט מיר זיי־גערס! א האָל־לאָט זייגערס! רינגעלט מיך ארום מיט זייגערס! איך מוז האָבען זיי־גערס! איך דאַרף נישט קיין טיש, קיין בעט, קיין ביינקלעך, קיין קליידער, קיין ווייב, נאָר זיי־גערס, — א האָל־לאָט זיי־גערס!!

...ערשט נעכטען, זייגער עלף, בין איך ארויס פון בעלוויו האָספּיטאַל!...

איירישער גוי, מיט׳ן היטעל אין איין האנט און מיט א צעטעל אין דער אנדערער האנט.

— וואוינען דא די און די?

— יא! — זאג איך שטאלץ — דא וואוינען די־און־די.

— און נישט יענע־און־יענע? — וויל זיין זיכער דער איירישער גוי.

— און נישט יענע־און־יענע! — פארזיכער איך איהם.

— אויב אזוי, האב איך פאר אייך עפעס! — מאכט ער עס בקיצור, און ער עפענט פאנאנדער די טיר און טאסקעט אריין א הילצערנעם קאסטען.

נעעפענט דעם קאסטען האב איך דארט געפונען א גרויסען הילצערנעם זייגער מיט אן אומרוהע און מיט צוויי גרויסע הילצערנע פויגעל. אויף איינעם פון די פויגעל איז געהאנגען א צעטעלע: „קאמפלימענטס פראם יור שוואגער קוזין.“

— נו, איצט האבען מיר שוין גענוג זייגערס! — מאך איך צו מיין פרוי. — שלעפ ארויס די כלי פונ׳ם שטרוי שטעל איהם אוועק אין מיטען שטוב און — צעוויעג איהם.

— נעווערמיין, גענוג זייגערס! — מאכט צו מיר מיין פרוי אויף ריינעם אידיש, און גיט מיר א קוש און א פעטשעל צוזאמען. — האבען מיר דען נישט פיער רומס? אין יעדער רום א זייגער. פיער רומס — פיער זייגערס!

— בא! — זאג איך און רייב זיך דעם שטערען — איך וואלט שוין בעסער געוואלט זעהן וואס מיין פעטער ראזענבוים וועט מיר געבען פאר א מתנה.

און ווי איך רייד אזוי צו איהר — האק־טארעבאך! מען זעצט אין טיר. איך לויף אקעגען, עפען זי אויף און ס׳קומט אריין מיין פארשוויצטער פעטער ראזענבוים מיט א פאק אין האנט, וועלכען ער עפענט באלד פאנאנדער און שלעפט פון דארטען ארויס — שוין נישט קיין זייגער, נאר... צ ו ו י י זייגערס: א וועק־זייגער צום — וועקען און א פראנטרום־זייגער — פאר דער פראנט־רום.

אָבער נאָך איידער איך האָב צייט צו ענטפערן — קליפּ־קלאַפּ! עס עפענט זיך די טיר און עס קומט אריין א אינגעל מיט א פּעקעל אין האנט. און אויף דעם פּעקעל א צעטעלע, און אויף דעם צעטעלע אן אויפשריפט: „קאָמפּלי־מענטס פון די טשאַטשקין פעמילי“.

איך האָב צעפּענט דאָס פּעקעל, ארויסגענומען פון דאָרטען א שעהן, מעשען זייגערל — פון מיטעלמעסיגער גרויס.

— נאַ, שטעל איהם אוועק אין דיינינג־רום אויפ׳ן מענטעל־פּיס און לאָז איהם געהן! — זאָג איך צו מיין פרוי — דאנקען גאָט, זאָג איך, מיט זייגערס זענען מיר שוין באזאָרגט.

— ווייסטו וואָס מיר איז איינגעפאלען? — מאכט מיין ווייבעל און נעמט ביי מיר צו דאָס שעהנע זייגערל, פון מיטעלמעסיגער גרויס.

— וואָס? — פרעג איך.

— מיר איז איינגעפאלען — מאכט זי — אז מיר ווע־לען נישט האָבען וואו צו שטעלען דעם גרויסען טיש, וואָס לייבעזאָהן האָט אונז צוגעזאָגט צו שיקען, ווייל —

אָבער איידער מיין פרוי האָט צייט געהאַט צו ענדיגען — קליפּ־קלאַפּ! עס קומט אריין א שיק־אינגעל מיט א קליין פּעקעלע, און אויפ׳ן קליינעם פּעקעל א צעטעלע, און אויפ׳ן צעטעלע אן אויפשריפט: „קאָמפּלימענטס פראָם יור דיער פרענד לייבעזאָהן“.

איך עפען פאנאנדער דאָס פּעקעלע און געפין דאָרט א קליין, שווארץ זייגערל, מיט א געשניצטען געזימס.

— נאַ, שטעל עס אוועק אין קיך און לאָז עס געהן! — גיב איך עס איבער צו מיין פרוי.

— א חידוש — זאָגט זי — וואָס מען זעהט גאָרנישט דעם פּארלאָר־סעט פון מיין שוואָגער קוצין.

— מסתמא באלד קומען — זאָג איך.

און עס עפענט זיך די טיר און עס קומט אריין אן

— מיט קאַרפּעטס אין דיינינג־רום! — ווערט לעבע־דיגער מיין ווייבעל, און עס לייטערען זיך ביי איהר אויס די שעהנע אויגען.

— און מיט א גרינעם לייבֿרערי סעט — שפּין איך ווייטער אונזער גאָלדענעם חלום און איך גריזשע בעת מעשה אן עק פון א הערינג.

— און מיט א טשייני־קלאזעט און מיט קאַט־גלעס און זילבערנע לעפעל־גאָפּעל־מעסער — גנעהט שוין מיין ווייבעל זעהר ווייט.

און אזוי ווי מיר רעדען אזוי, עפענט זיך די טיר, עס קומט אריין א אינגעל מיט א פּעקעל, און אויפ'ן פּעקעל א צעטעלע, און אויפ'ן צעטעלע אן אויפשריפט:

„קאָמפּלימענטס פראם סאָלאָווייטשיק".

— ווער איז דאָס דער סאָלאָווייטשיק? — פרעגט מיין פרוי.

— סאָלאָווייטשיק — זאָג איך — איז מיין שוועסטער־קינד פון אפּטאון, דער וואָס האָט מיר צוגעזאָגט קויפען א מוין זילבערנע לעפעל.

און איך עפען דעם פּעקעל און געפין דאָרט א מארמאָר־נעם זייגער.

— נא, שטעל איהם אוועק אין פראָנט־רום אויפ'ן מענטעל־פּיעס און לאָז איהם געהן! — גיב איך איהם איבער צו מיין פרוי מיט א גדלות, ווי א קוואטער, א שטיינער, גיט איבער דאָס נע'מל'טע קינד צור ק צום פּאַ־טער.

— האָבען מיר שוין דעם פּוני־אַמענט! — מאכט מיין ווייבעל, נעמט דעם זייגער אין די הענט אריין און קאָן זיך גאָרנישט זאט אָנקוקען אויף איהם.

— און איצט — זאָג איך — וועלען זיך ערשט נעמען שיטען די אמת'ע פּרעזענטען, די ריכטיגע!

— שא, אין וועלכער זייט וועלען מיר שטעלען דעם סייד־באָרד, וואָס די טשאַטשקין האָט אונז צוגעזאָגט?

— וויל שוין וויסען מיין יונגע פרוי.

# פרעזענטען

דערצעהלט פון א מענ־
שען, וואס איז ערשט
ארוים פון משוגעים הויז

דאס איז געווען דער דריטער טאג נאך מיין חתונה מיט פעני׳ן. די פיער צימערען, וואס איך האב געהאט געדונגען ערגיץ אויף א לעצטען שטאק אין סאפאלק סטריט האבען נאך אלץ געגלעצט, געווען הייסט דאס פוסט, אהן מעבעל און מיר זענען אלץ געזעסען אין שטוב, געהיט די טיר און געווארט אויף די צוגעזאגטע חתונה־פרעזענטען, וועלכע זענען מחויב געווען באלד אנצוקומען.

— הערסטו, פעני — רוף איך זיך אפ צו מיין פרוי, זיצענדיג אויף א זייף קעסטי׳ל און עסענדיג א הערינג — אמעריקא זאל טאקע לעבען!

— וואס איז דיר עפעס מיט אמאל איינגעפאלען? — שטעלט זי אויף מיר אויס איהרע שעהנע, נאר פארוואל־קענטע אויגען.

— עס איז מיר איינגעפאלען — זאג איך — אז די אמעריקאנישע מאדע צו געבען חתונה־פרעזענטען, איז זעהר א פיינע מאדע. אין דער היים. זאג איך, וואלסטו באלד נאך דער חתונה געדארפט אליין געהן און קויפען און דינגען זיך איבער יערען שטיקעל מעבעל, און האבען פארדראס און הארצוועהטאג, און דא, זאג איך, ברענגט מען דיר די פרעזענטען אין שטוב אריין. ס׳א תענוג!

— יא — זאגט זי — אבער מען ברענגט דאך נישט!

— אויב מען ברענגט נישט — זאג איך — וועט מען ברענגען. ס׳איז נאר, זאג איך, א פראגע פון צייט. אט באלד. זאג איך, וועלען מיר האבען אויסגעפיקסט א הויז, אז ס׳וועט בלישטשען.

טענע בילדער פון ליכטענשטיין און בען־בען און אויערבאך־
לעווי און אנשטאט דעם הענגען זיי אויף — גראַשיצעס.
און ווי אזוי די גאַנצע משפּחה נעמט זיך אָן ביי די הענט
און נעהט א ווילדען טאַנץ ארום א גאָלדענער גראַשיצע...
און ווי אזוי ער שלאָגט זיי מיט'ן שטעקען און סע נעהט
בראַנפען... און די לוחות ברעכען זיך אויף צווייען און סע
פאַלט ארויס א גראַשיצע... און די משפּחה פּאַכעט מיט די
הענט און שרייט, אז מ'זאָל זי פיהרען צוריק קיין מצרים
אז נישט וועט מען ביי איהם צונעמען ס'ווייב...

— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

צו דער לויה פון דעם אומגליקליכען אבעל איז נאָכגע־
גאַנגען כמעט די גאַנצע משפּחה און גערעדט אין א שטי־
לען טאָן וועגען — גראַשיצע...

נאָך דער דאָזיגער געשיכטע האָט מען אונזער ליעבע; אבעל אוועקגענומען אין שפּיטאָל אריין — טויט־קראַנק. זיין פרוי פלעגט קומען צו איהם אלע טאָג און איהם ברענגען — די משפּחה. די משפּחה ווידער פלעגט ברענגען אין שפּיטאָל אריין גאנצע פּעק מיט עסענוואַרג און זיי פלעגען דאָס אליין אויפעסען.

אבעל (עליו השלום) פלעגט קוקען מיט צעפּיבערטע אויגען און טראַכטען: וואָס האָט צו איהם די משפּחה? און צי האָט ער דען חתונה געהאַט מיט א גאַנצען ווילדען שבט פון שיכהענדלער, קצבים, בלעכערס און גראַשיצע־פרעסער? און ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אַזוי נאָך פאר דער חתונה האָט איהם זיין איצטיגע פרוי גענומען באַקענען מיט איהר מישפּאַחטע, און ווי אזוי ער פלעגט ווערען מיעד אויף די פיס פון ארומגעהן זאָגען „גוט־נאָווענט" און געבען שלום־עליכם צו פרעמדע פעטערס און מומעס און שוואָגערס און גלידשוועסטערקינדער און שוועגערינס, און ווי אזוי ער האָט געמוזט ארויסשמייכלען פון זיך די בעסטע כחות אויף „עס־פרעהט־מיך־זעהר־אייך־צו־קענענ׳ס", און ווי אזוי דאָס משפּחה׳לע האָט זיך דערנאָך א לאָז געטון צו איהם — אונטער דער חופּה... און ווי אזוי ער האָט זיי אלע מקדש געווען מיט איין קליין, פּיצעלע רינגעל, און ווי אזוי אלע אין דער פריה זיינער א פערטעל־נאָך זיבען פלעגען קומען צופאַהרען נייע פעטערס פון באַלטימאָר און פרעגען צי עס איז דאָ עפּעס צו עסען? און ווי אזוי זיין ווייבעל פלעגט זיך מיט איהם קריגען פאַרוואָס ער נעמט זיי נישט אויף ווי א מענש... און פאַרוואָס ער רעדט נישט מיט זיי ווענען גראַשיצע. און ווי אזוי ער האָט פּלוצים דערפיהלט, אז סע נעהט אויף איהם א ווילדע, אומגעלומפערטע, צעפּלאָכטענע, הונגעריגע, בראַנפען־דורשטיגע משפּחה פון דער כלה׳ס צד, און ווי אזוי זיי באַפאַלען איהם אין מיטען העלען טאָג און וואַרפען ארויס זיינע ביכער פון דער שראַנק, און זיי שטעלען אהין אריין — גראַשיצעס. און ווי אזוי זיי נעמען אראָפּ פון די ווענט די זעל־

לעם און גענומען דערצעהלען, אז זיי האבען אנומעלטען גענעסען גראשיצע, איז דאס געווען א זעלטענע גראשיצע. אפשר האט זי היינט א גראשיצע? ס'איז זעהר געזונט צו עסען גראשיצע, — האט פארענדיגט דער פעטער מיט די אונטערגעזעגטע, הארטע וואנצען, — לאשוין זיין גע־נוג צו רעדען וועגען גראשיצע... לאמיר בעסער געהן עפעס עסען!

— עה־סען, עה־סען! — האט געקרעכצט די משפחה.

מען האט געשטעלט צום טיש גרויסע שטיקער צוגע־סמאליעטע בהמה — אויף אזוינע ברעטלאך, פון וועלכע ס'בלוט האט אראפגערונען ווי פון א שלאכטפעלד, און די משפחה האט גענומען עסען מיט פאראייניגטע קרעפטען.

דער ארימער, בלאסער, איידעלער אבעל איז געזעסען און געקוקט ווי מ'עסט איהם אויף א לעבעדיגען, און ווי מ'זופט דאס ברוינע, צוגעזאלצענע בלוט פון די גע־בראטענע שטיקער בהמה און ווי מ'עסט און מ'עסט און מ'עסט און מ'עסט! און ער האט פארווארפען מיט'ן קאפ אין חלשות...

די משפחה האט איהם גענומען מינטערען — קייענדיג בשעת מעשה די בהמה — און געשפריצט אויף איהם וואַ־סער. די מאדאם אבעל אליין האט געוויינט און גענעסען א גראשיצע, און זי האט איהם געבעטען, ער זאל קומען צו זיך, — ער זאל זיך נישט מאכען צום נאר!...

אז אבעל איז נעקומען צו זיך האט ער א קוק געטון ווי די משפחה שטעהט ארום איהם מיט שטיקער פלייש אין מויל און מ'עסט — האט ער ווידער פארווארפען מיט'ן קאפ און ס'האט זיך איהם גע'חלום'ט, אז ער איז א ווייסע, איבערגעשראקענע גראשיצע, וואס ווערט פארברענט אין פייער פון זיין אידעאל און — אז א חברה קאניבאלען שטעהן ארום איהם און מ'עסט איהם אויף...

— גוואלד! — האט ער א געשריי געטון און זיך אויפ־געכאפט און געוויזען, אז ס'איז איהם נישט גוט.

— — — — — — — — — — — — — —

— עסען — ווי עסען! אָבער — לאָזען זיי אָפּטרעטען אויף אַ מינוט. לאָמיך דיך קענען נעמען אויף דער שויס. לאָמיך קענען געניסען פון מיין ביסעל גליק. מיר וועלען דאָך נים זיין אייביג פארהייראַט.

האָט זי געזאָגט:

— וואָס מיינסטו מיט די ווערטער „נישט זיין אייביג פארהייראַט?"

האָט ער געזאָגט:

— איך מיין... דיין משפּחה וועט אונז ארויס־עסען פון די פארהייראַטע ביזנעס... ס'עט אונז נישט קאָנוויני־רען...

ביי די ווערטער האָט אונזער אבעל זיך אָפּגעשטעלט און געוואָרט צו זעהן, וואָס פאר א ווירקונג זיינע רייד וועלען האָבען אויף זיין פרוי. ס'איז אוועק א האַלבע מינוט און די פרוי אבעל האָט ארויסגענומען א טעלער און — קנאַק! דאַן האָט זי ארויסגענומען נאָך א טעלער און — קנאַק! און דאַן האָט זי ארויסגענומען נאָך א טעלער און — קנאַק! און דאָס אלצדינג האָט זי געטון שטיל, באַשיי־דען, און אָהן כעס און יעדעס מאָל וואָס זי האָט צעבראָכען א טעלער. האָט זי צוערשט צונויפגענומען די שטיקלאָך, אוועקגעקעהרט מיט'ן בעזים די שערבלעך און — ווייטער גענומען ברעכען די טעלער, אזוי לאַנג ביז וואַנעט זי האָט אויסגעבראָכען א האַלבע שטוב מיט געשיר.

אז דער שמילער, אומגליקליכער אבעל האָט געזעהן, אז זי רואינירט איהם דאָס ביסעל באַלעבאַטישקייט, האָט ער איהר א קוש געטון אויפ'ן שטערען און איהר ער־קלעהרט, אז ער קען אָהן איהר נישט לעבען, און אז ער דאַנקט גאָט דערפאַר. וואָס ער האָט חתונה געהאַט מיט א ז א ז א נ ע פּ ט ווייבעל.

באַלד איז אריינגעקומען א פעטער — א קצב און גע־נומען רעדען וועגען — עסען. נאָך איהם איז אָנגעקומען א מומע און גענומען רעדען אז וואָס וועט מען היינט עסען? נאָך איהר זענען אָנגעקומען די צוויי שוועגערינס פון האַר־

נישט ווי אזוי — איז נעבעך געווען א גאָט'ס רחמנות. די משפחה פלעגט קומען אין דער פריה און ביי נאַכט און איהם אויפעסען מיט דער שפּעגט! די טיר פון זיין הויז פלעגט זיך נישט צומאַכען — נאָר מ'איז  נ ע ק ו מ ע ן! געגאַנגען איז מען זעהר זעלטען, אָבער געקומען איז מען — אַך! — ביי יעדער געלעגענהייט!

אז ס'איז אוועק א חודש נאָך דער חתונה, האָט זיך אבעל אָנגערופען צו זיין פרוי מיט דריי פרעג־צייכענס:

— ? ? ?

האָט זי איהם געענטפערט מיט פיער אויסרופצייכענס:

— ! ! ! !

האָט ער גענומען רעדען מיט ווערטער, וואָס זענען געווען אָנגעפילט מיט שפּראַך:

— וואָס וועט זיין מיט דער משפחה?

האָט זי געענפערט:

— וואָס זאָל זיין מיט דער משפחה?

האָט ער געזאָגט:

— וואָס טויג מיר אזא מאסענפערזאמלונג פון פּער־מערס און מומעס און שוואָגערס? איך האָב דאָך ניט חתונה געהאַט מיט א קופּעריוניע... אָדער מיט א קאַרנעגיע האָל... אָדער מיט א היפּאָדראָם...

האָט זי דארויף געענטפערט:

— ווער סע שעהמט זיך מיט מיין משפחה, דער זאָל זיך העלפען. א י ך שעהם מיך נישט!

האָט ער געזאָגט:

— ס'איז נישט קיין פראַגע פון שעהמען זיך! סאַ פראַגע פון וואו בין איך ערגעץ אין דער וועלט צום גוטען יאָהר? דער קאָפּ נעהט מיר ווי אויף א יריד... און נאָר סע טומעלט זיך ווי אין א מיל... און נאָר סע קלינגען די גאָ־פּעל־מעסער...

האָט זי דארויף געענפערט:

— ס'איז מיין משפחה — מעג זי עסען.

האָט ער געזאָגט:

# די גראַשיציאַנער

דר. ת. רײַנפעלד׳ן אַ מתנה

דער מענש װענען װעמען מיר גען דאָ מאַכען אַ גאַנצע
באַשרײַבונג, האָט אַ משפּחה — ער האָט חתונה געהאַט
מיט אַ משפּחה פון דרײַסיג מאַן שטאַרק. אין דער ראָזינגער
משפּחה׳לע געהן אַרײַן פעטערס, מומעס, שװאָגערס, שװע־
נערינס, שװעסטערקינדער און אַלע אַנדערע שלעק און
אַנשיקענישען, װאָס געהן געװעהנליך אַרײַן אין אַ משפּחה.
שױן אין די ערשטע טעג נאָך דער חתונה, אַז אַבעל
האָט זיך געװאָלט פאַרברענגען מיט זײַן יונגער פרױ, האָט
ער נישט געקענט צוליעב דער מעכטינער, ריעזינער, ני־
גאַנטישער אַנװעזענהײַט פון זײַן װײַב׳ס פּאַלאַסאַלער
משפּחה. די געמליכע משפּחה איז געקומען געדיכט און אין
גרױסע מאַסען און צו אַלע צײַטען פונ׳ם טאָג און זיך גע־
לאָזט טראַקטירען מיט אײַנגעמאַכטס, מיט קיכלעך, מיט
ראָזשינקעס, מיט געבראָטענע מאַנדלען, מיט (האַלב־גע־
בראָטענע) שטיקער בהמה אין געשטאַלט פון ביפשטעקס.
די משפּחה — דאָס משפּחה׳לע — די מישפּאַחטע,
איז געװען נישט קײן פּראָסטע משפּחה, — יונגען װי די
בערען, מױדען װי די לעמפּערטען, מומעס — מיט זיבען
גױדערס, פעטערס מיט קאַשקעטען און מיט אונטערגע־
האַקטע װאָנצען; פלימעניקעס — מיט שיך נומער צװעלף
און פלימעניצעס, װי פײַערשפּײַענדינגע בערג מיט היטע־
לעך...
אױף דעם אײַדעלען אַבעל, װאָס האָט זיך אין גאַנצען
געבלײַכט װי אַ פריהמאָרגען װאָס װיל אױפגעהן און װײַסט

אָבער צו פּראַטוס קומט עס ניט ווייל פּראַטוס, זאָגט ער, ענטהאלט אין זיך מעהר פּעטקייט ווי נאַטוס... א חוץ דעם, זאָגט ער, האָבען מיר איצט ניט מעהר קיין טיי פון נאַטוס, נאָר פון פּראַטוס... פריהער, זאָגט ער, האָבען מיר געהאט נאַטוס אויך — נאָר איצט איז אויסגעגאנגען דער גאנצער נאַטוס און ס׳איז ניט געבליבען מעהר ווי פּראַ־טוס... איך פּערזענליך, זאָגט ער, האָב בעסער ליעב פּראַ־טוס, ווייל נאַטוס — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

זאָגט איהר: א מענש דארף זיך איינהאלטען! ווי אזוי קען מען זיך איינהאלטען, אז מען איז דאָך ניט מעהר ווי א מענש?!... הא?

— איך וואָלט אייך געראָטען ניט צו נעמען קיין נאַטוס... נאָר פּראָטוס... ווייל פּראָטוס איז געזונטער פון נאַטוס, א חוץ דעם, זאָגט ער, האָבען מיר ניט מעהר קיין נאַטוס, וועט איהר מוזען נעמען פּראָטוס.

— לאָז זיין פּראָטוס! — זאָג איך, אבי זיך אָפּצושעפּען פון דעם גודניק...

ברענגט ער מיר עפּעס א טעלעריל מיט מוטנע וואַסער, אויף וועלכען עס שווימען ארום צוויי עלענדע היימלאָזע ציבעלעס, ווי פארלוירענע שיפען אין ים־הגדול, און ער פרעגט:

— איצט וואָס'ט איהר עסען פאר צושפּייז?...

— וואָס פאר א צושפּייז האָט איהר? — פרעג איך.

— מיר האָבען — זאָגט ער — צווייערליי צושפּייזען, איינער פון נאַטוס א צווייטער פון פּראָטוס...

— פּראָטוס! — בורטשע איך ארויס און פיהל, אז עפּעס וועט דאָ געשעהן..

געניצט ער זיך ווידער אוים איבער מיין קאָפּ און מאכט צו מיר:

— איך וואָלט אייך ניט געראָטען צו נעמען פּראָטוס, נאָר נאַטוס, ווייל נאַטוס איז געזונטער פון פּראָטוס, א חוץ דעם, זאָגט ער, האָבען מיר ניט מעהר קיין צושפּייז פון פּראָטוס נאָר פון נאַטוס, איהר'ט נעמען נאַטוס?

— ניט נאַטוס!

געניצט ער זיך אוועק, דער קעלנער, און קומט באלד צוריק מיט דריי געקאָכטע ראָזשינקלעך, און א חשד פון א געקאָכטער פייג.

— און איצט, זאָגט ער, וואָס'ט איהר נעמען פאר א געטראַנק?

— מיר האָבען, זאָגט ער, צווייערליי סאָרט געטראַנקען — איינס פון נאַטוס, ס'צווייטע פון פּראָטוס... נאָר איך וואָלט אייך, זאָגט ער, ניט געראָטען צו נעמען קיין נאַטוס, נאָר פּראָטוס, ווייל פּראָטוס, זאָגט ער, איז געזונטער פון נאַטוס, כאָטש נאַטוס איז אויך א געזינט מאכל...

— פאר וויפיעל ווילט איהר עסען? פאר דרייסיג צי פאר פערציג?

— איך עס בלויז פאר איי:עם, זאג איך, העכסטענס וואס איך קען עסען, זאג איך, איז פאר צ ו ו י י, אבער ניט פאר דרייסיג.

ניט ער א געניץ, דער וועיטער, און מאכט:

— איך מיין צי איהר ווילט עסען רענעלע פאר דריי־סיג סענט, צי ספעשעל פאר פערציג... מיט פראטום...

זאג איך: לאז זיין פאר פערציג מיט... ווי איהר רופט עס, פארטים... אבי סע זאל זיין געשמאק.

ווערט ער פארשוואונדען, דער קעלנער, אפשר אויף א האלבע שעה און קומט צוריק עפעס מיט א פיצעלע שיסעלע, אויף וועלכען עס הויערט עפעס א בלייך, קרענקליך מאכל.

— וואס איז דאס פאר א מאכל? — פרעג איך, און נעם א טרונק וואסער.

— נאטום — נאטום! — מאכט ער שמאלץ און נעהט אוועק. באלד קומט ער צוריק און פרעגט:

— איהר'ט עסען א סטייק פון נאטום צי פון פראטום?

— לאז זיין, זאג איך, פאר א ט ש ע נ ד ז ש פראטום!

ווערט ער ווידער פארשוואונדען ערגיץ, און קומט ארויס מיט א ברויזעלע טעלעריל, אויף וועלכען עס ליגט עפעס א ברוינע נ ע ה י י מ נ י ם און טוליעט זיך צו צוויי בלעטלעך שאלאטען.

— נו, זאגט ער, און ניט א געניץ איבער מיין קאפ — איצט וואס פאר א זופ ווילט איהר?

— וואס פאר א זופען האט איהר? — פרעג איך.

— מיר האבען, זאגט ער, צווייערליי זופען, איין זופ פון נאטום און א צווייטע פון פראטום...

ווערט מיר קאלט אין אלע אברים און איך בורטשע ארויס: איכ'ל נעמען נאטום!...

ניט ער ווידער א געניץ איבער מיין קאפ — דער קעל־נער — און מאכט:

בלוט, זאָגט ער, פון אומשולדיגע פעטע טשיקענס וועט פאַלען אויף אייער קאָפּ...

זאָג איך: איהר זענט א משוגענער!

זאָגט ער: כאַכאַ! איך בין א משוגענער! משוגע, זאָגט ער, זענען די וואָס זאָגען אַז איך בין משוגע... איבּ־ריגענס, זאָגט ער, גיט מיר דרייסיג סענט וועל איך אייך געבען א ביכעל וואו עס פּרעדיגצעך אונזער אידעע...

זאָג איך: פאר דרייסיג סענט, קען איך שוין באלד האָבען א גוטען טענדערלאָין־סטייק...

זאָגט ער: גיטשע מיר זיבציג סענט, וועל איך אייך געבען נ אָ ך א ביכעל, וואו עס באווייזט זיך, אַז מענ־שען וואָס עסען פלייש געהען יונגערהייט פון דער וועלט... און שטארבען מאסענווייז פון בלוט־פארגיפטונג. וואָס קומט, זאָגט ער, פון מאָגען — אָט זאָגט ער, איז א פּיק־טשע!

און ער ווייזט מיר א פּיקטשע פון א מת מיט א סטייק אין מויל...

ווערט מיר שוין די זאך אביסעל דאָסיג און איך קויף צוויי ביכלעך און נעפּין אוים, טאקע נאך דעם איינענעם טאָג, אַז פלייש איז סם־המות, און אַז אויף דער גאנצער וועלט איז פאראן נאָר א י י ן זאך וואָס קען זיך פאר־גלייכען צו פלייש, נאָר קיין שום „דראָגעסמאַן" וויל עס נים פארקויפען, דערפאר ווייל עס איז צ ו א שטארקע גיפט... און אויסלאָזען לאָזט זיך אוים אין רעמדראָזינגען ביכעל, אַז די בעסטע עסענס קען מען קריגען אין ווערים־קרויט'ס וועגעטארישען רעסטאָראנט, און אויך אלערליי וועגעטארישע בראָשורעם ביליג...

הקיצור, אַז ס'איז געקומען סאפּער־צייט, בין איך אוועק אין ווערימקרויט'ס רעסטאָראן זיך אוועקגעזעצט ביי א טישעל און געוואַרט אויפ'ן קעלנער.

באלד איז צוגעקומען עפּעס א בלייכער הוסטענדיגער הויך־אויפגעשפּראָצטער וועיטער, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי א מיטעליעהריגע ציבעלע און געפרעגט:

מיט אייך, אז כ'האָב ליעב געהאַט פלייש אהבת־נפש, איז דאָך ניטאָ וואָס צו רעדען!... פלייש איז, הייסט עס גע־וועז מיין הויפּט־שפּייז. פיער מאָל א טאָג פלעג איך עסען פלייש — זויערע פלייש, זיסע פלייש, געפּיקעלטע פלייש, רויהע פלייש, פּאַסטראַמע, קאַרנביעף, וואורשטלעך, ראָלאַדע, פלייש מיט פעפערלעך, פלייש מיט מאַסלינעס, פלייש מיט געזויערטע עפּעל, פלייש מיט קעטשאַפּ — סתם פלייש, הקיצור, איכ'ל אייך לאַנג נישט האַלטען: איך בין געוועזן א גוואַלדיגער אכלן פון פלייש. אָהן דעם שטי־קעל פלייש האָב איך נישט געקענט אויסקומען. און וואָס איז דער חידוש? אז א מענש ארבייט אין אן אייזען־פאַבריק, און מען קלאַפּט א גאַנצען טאָג מיט'ן גרויסען האַמער — און מען קלאַפּט פון זיך ארויס ס'חיות מיט'ן געזונט, און מען שוויצט פון זיך ארויס וואו א טראָפּען כח איז א חידוש אז מען דאַרף האָבען ס'שטיקעל פלייש?

ווער־זשע האָט מיך נישט געלאָזט עסען קיין פלייש, פרעגט איהר? הערט־זשע! דאָס וויל איך אייך טאַקע דערצעהלען, ווער סע האָט מיך געטריבען דערצו איך זאָל ווערען א וועגעטעריאַנער און זיך אָנהויבען פּאַשען אויף ניסלעך און אויף פינאַטס און ראָזשינקעלעך — א מיתה־משונה זאָל קומען אויף אלע ניסלעך, מיט אלע ראָזשינ־קעלעך און סע זאָל אָנהויבען צו ברענען און צו ברענען און צו ברענען... און סע זאָל קיינמאָל ניט אויפהערען!...

הערט א מעשה: קומט צוגעהן צו מיר עפּעס א בחור מיט לאַנגע האָר, א בעהעלפעריש בערדיל און מיט ליי־ווענטענע הויזען און פרעגט מיך צו איך עס פלייש.

זאָג איך: אלבעטשי, וואָרען?!

זאָגט ער: אויב אזוי, זענט איהר א קאַניבאַל! איהר גראָבט, זאָגט ער, אייער קבר מיט אייערע איינענע ציין...

זאָג איך: וואָס פּאַנפּעט איהר? גאַניבאַל, שמאַניבאַל, קבר, שמייוועך — אזוי לאַנג, זאָג איך, ווי א מענש לעבט, מוז ער, זאָג איך, עסען דאָס גוטע שטיקעל פלייש...

זאָגט ער: אייער מאָגען איז א בית־עולם... און דאָס

## נאַטוס און פּראַטוס

...איהר ווייסט ניט וואָס סע הייסט „נאַטוס" און „פּראַטוס"? קיינמאָל נישט געהערט דערפון? אך, מיין ליעבער פריינד! הלואי וואָלט איך אויך נישט געווען געהערט דערפון, וואָלט איך ניט געקומען צו מיין איצ־טיגער לאגע... וואָלט איך איצט געווען א פרייער מענש, גלייך מיט אלעמען און ניט געפוילט אין פּריזאָן — עד־הע־הע!

איך זיפץ. אודאי זיפץ איך! ווי אזוי זאָל איך ניט זיפצען, אז איך דערמאָן מיך, אז ערשט מיט עטליכע חדשים צוריק בין איך געווען יונג, פריש, לעבענסלוסטיג און פול מיט האָפנונג אויף דער צוקונפט... און איצט בין איך א פארברעכער... א מערדער... א פארשטויסענער פון גאָט און פון לייט — ענטשולדיגט מיינע טרערן, כ׳בעט אייך... איך קען זיך ניט העלפען...

שוין!... איך בין שוין אביסעל בארוהיגט. איך וועל אייך דערצעהלען ווי אזוי איך בין געקומען צו מיין גרויס אומגליק.

...ווי איהר זעהט בין איך א געזונטער מענש, מיט א גוטען אפעטיט. ביי מיר פארטיליגען, אויפעסען, פאר־ניכטען א סטייק פון דריי פונט — איז געווען א שפּיל־כעל, א גאָרנישט! ניין־צעהן קאָטלעטען — איז ביי מיר געווען אויף איין צאָן... א חוץ דעם בין איך גלאט גע־ווען א גרויסער אָנהענגער פון פלייש... פון אלערליי פלייש. אָקסען־פלייש — איז אָקסען־פלייש! רינדס — איז רינדס! לעמטשאָפּס — איז לעמטשאָפּס! גולאש — איז גולאש! טשיקען — איז טשיקען... אז מען שמועסט

איך האָב שוין מעהר ניט געזאָגט. איך בין אוועק־
געפאלען הינטערוויילעכס און גע'חלש'ט גוטע צעהן מי־
נוטען אויפ'ן זייגער...

מיט'ן האנטוך — איצט באטראכט מיינע טעפ... מען דאַרף זיי — מאכט ער — אביסעל אויסווישען, זאָגסט, מאכט ער, זיינען זיי ריין ווי גאָלד. עס קאָן גאָר ניט זיין ריינער. הא־?

איך האָב געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אלס א מין באשטע־טיגונג, אז ער האָט רעכט.

— און איצט — מאכט ער — וועל איך אייך אומיס־נע צופיהרען צו מיין אייז־באקס און אייך ווייזען!

ער האָט מיך צוגעפיהרט צו א מין כאָליערא־קאסטען, אויפגעעפענט ס'דעקעל, און איך בין שיעור אוועקגעפא־לען פון דעם עיפוש'דינען גערוך פון די פליישען וואָס זיינען דאָרט געלעגען און געשטונקען אויפ'ן ליבעראַל־סטען אופן.

— איהר זעהט — מאכט ער — און פארהאקט גלייך דאָס טירעל, ביי מיר אן אייז־באקסעל איז ניט ווי אין אנדערע רעסטאָראנען... (א ביסעל מיט א שוואכער קול) מען דארף איהם אביסעל אויספארען מיט הייסע וואסער און איהם לאָזען זיך אביסעל דורכלופטערען... ווייטער, מאכט ער, איז ביי מיר אלץ פריש, אז ס'איז א פלעזשע דארויף א קוק צו טון...

— און איצט — זאָגט ער — וועל איך אייך ווייזען די קעכין מיינע, — העי פראשקאָ! — האָט ער אריינ־גערופען ערגעץ אין דער פינסטערניש — קום אריין, שנעלער!

באלד האָט זיך געיאווועט עפעס א צעשוואומענע גוי'ע מיט צעאייטערטע אויגען, מיט א זאק ארום די לענדען און מיט א שרעקליכען קאטער...

— איהר זעהט — זאָגט ער — דאָס איז די קעכין מיינע... זי דארף זיך — מאכט ער — אביסעל ארומוואַ־שען און זיך אָנטון א ווייס פארטוך, און וואָס אָנבא־לאנגט דעם קאטער — מאכט ער — וועט ער פאראי־בערגעהן... זאָגסט, מאכט ער, איז ביי מיר אלץ זויבער, אז סע בלאנקט. הא, וואָס זאָגט איהר?

אז איך האָב שוין געהאַט באַצאָהלט און געוואָלט אַרויסגעהן, האָט ער מיך העפליך איינגעלאַדען איך זאָל מיט איהם אַריינגעהן אין קיך — ער וויל מיר ווייזען די קיך זיינע, און וויל וויסען מיין מיינונג, צי איז נאָך ערגיץ פאַראַן אין גאַנץ ניו יאָרק אַט אַזאַ מין סאָרט קיטשענדעל.

איך האָב איהם נים געקאָנט אָפּזאָגען און בין מיט־געגאַנגען.

באַלד זיינען מיר געשטאַנען אין אַ האַלב־פינסטע־רער, פיעלפאַך שמוציגער קיך, פול מיט אונזויבערע כלים, אַ מיסט־פעסעל און אָהן אַ שיעור קאַקראָטשעס.

— איהר זעהט — זאָגט ער — אַט איז ביי מיר אַ קיטשענדעל, אַז סע שפּיגעלט! אין אַנדערע קיטשענס — זאָגט ער און טרייבט מיט'ן האַנדטוך די משערעדעס מיט קאַקראָטשעס — אין אַנדערע קיטשענס זעהט מען אַ מאַסע קאַקראָטשעס... אָבער ביי מיר איז ניטאָ אַ קאַקראָטש פאַר אַ מיליאָן... ביי מיר ווערט אַלעס געהאַל־טען זויבער — אַז סע בלאַנקט. זאָג איך דעם אמת צי ניין? הא?

איך האָב איהם געמוזט זאָגען, אַז ער זאָגט פּאָזיטיוו דעם אמת.

— און איצט — זאָגט ער און נעמט אַראָפּ אַ פלעשעל קאַרבאָל־וואַסער און כליאַפּעט עס אַריין אין מיסט־פעסעל — איצט זייט אַזוי גוט און ניט אַ שמעק צום מיסט־פעסעלע... וואָס פיהלט איהר? קאַרבאָל. ריכטיג, אין אַנדערע רעסטאָראַנען — מאַכט ער — שטינקט, אַז מען קאָן נים אויסהאַלטען. ביי מיר ניט... ביי מיר — מאַכט ער — איז אַלצדינג סאַני־דאָסיש. ריכטיג צו ניין?

איך האָב איהם געמוזט זאָגען, אַז ס'איז ריכטיג ווי גאָלד.

— נו, און איצט — מאַכט ער — און נעמט אַראָפּ פון אויוועז אַ שמוציגען טאָפּ און נעמט איהם ווישען

און פארבראַקט מיט אייער, וואָס די היהגער וועלען ערשט לענען מאָרגען, אז מע׳ט דערלעבען, — אזוי פריש זענען זיי!... און וואָס אַנבאלאנגט זיין פוטער אין דאָס נישט דיזעלבע חזיר׳עריי וואָס מען קריגט אין אַלע אנ־דערע רעסטאָראנען, און פון וועלכע מענשען גוהען פון דער וועלט יונגערהייד — ניין! אויף ז י י ן פוטער דארף מען זיין א מבין, מען דארף פארשטעהען וואָס סע הייסט א גוט שטיקעל פוטער — מען דארף, אזוי צו זאָגען, זיין א געענדיגטער פוטעריסט...

אפשר פופצעהן מינוט האָט מיך דער איד אטאקירט מיט זיינע ערקלערונגען, און אז ער האָט מיר שוין גע־בראַכט דאָס ביסעל עסען, האָט ער מיך נאָך נישט אָפגע־לאָזען — אדרבא, ער האָט זיך ערשט גענומען צו מיר מיט מעהר פרישקייט. מיט מעהר קראפט.

מיט יעדען ביסען וואָס איך האָב אראָפגעשלונגען האָב איך אויך געמוזט אראָפשלינגען זיינע א באמערקונג ווי „געשמאַק עס איז דאָס ביסעלע בארשט“, און אז איך דארף „שטארק הנאה האָבען פון דעם גוטען שטיקעלע קאלבס־בראטענדעל“ און אז „דאָס לעק צימעס צוגעהט זיך פשוט אין אלע אברים און הלואי מען זאָל נאָר זיין געזונט און האָבען כח צו עסען“...

ביי די לעצטע ווערטער איז מיין איד געוואָרען אביסעל טרויעריג און מיר ערקלערט, אז ער אליין איז שוין היינט א שוואכער עסער — נישט פאר מיר געדאכט! אמאָל פלעגט ער קאָנען אויפעסען א וועלט, קאנאהאָרע נישט! אָבער היינט איז שוין נים דאָס. וואָס איז? דער מאָגען ארבייט ביי איהם עפעס נים ווי עס דארף צו זיין... ער איז שוין אויסגעוועזן ביי א מאסע דאָקטוירים, אָבער סע העלפט נישט —ער איז שוין נים דער אמאָלינער ע ס ע ר! ווי קומט עס?! (מיט א זיפץ) אך! ווען איך זאָל איהם געווען זעהען עסען מיט א פינף יאָהר צוריק...

אָט אזוי האָט מיך דער איד אונטערגעהאלטען ביז וואנעט איך בין פארטיג געוואָרען מיט מיין מאָלצייט.

# א זויבערער רעסטאָראַן

איך בין געווען זעהר הונגעריג און איך בין דארום אריינגעפאלען אין ערשטען בעסטען רעסטאָראן און —

— וואָס'טיר עסען? — האָט מיך געפרעגט א קליין, אָנגעפּאַקט אידעל מיט א ברודנעם האנטוך איבער'ן אָק־סעל און א זעהר פארקויטינגט פארטוך איבער זיין... גע־נענוואָרט.

— נעצמיר א רעגעלע דינער! — האָב איך געזאָגט

— איך בין הונגעריג ווי א הונט.

דער איד האָט מיך פאמעליכען און מיט ישוב־הדעת באטראכט פון אויבען ביז אראָפּ, מיך געפרעגט צו בין איך א נייער קאָסטומער און צו איך האָב ליעב ריינקייט...

איך האָב איהם געזאָגט אז יאָ, מיר האָבען זעהר ליעב ריינקייט, און לאָז ער זיך צואיילען מיט'ן עסען, מחמת מיר לאָזען שיעור די נשמה פון הונגער!

אָבער ער האָט זיך ניט צוגעאיילט. אָנשטאט דעם האָט ער מיר גענומען ערקלערען די מעלות פון זיין פרעס־אנשטאלט. מיך געוואָלט איבערציינען, אז אלע אידישע רעסטאָראן אייגענטימער זיינען מערדער, גאָרגעלש:יידער און מענשען־סם'ער. אלע — חוץ ער, דער איד מיט'ן שמוציגען פארטוך און פארקויטינטען האנטוך, וועלכער איז אן אמת'ער מלאך אין מענשענגעשטאלט און זיין העכסטע אויפגאבע איז צו זיין נאָבעל, ריין, און ציכטיג...

— באָרשט האָטיר? — האָב איך איהם איבערגע־שלאָגען די רייד.

יאָ, ער האָט באָרשט. אָבער ווייס איך כאָטש וואָס פאר א מין באָרשט דער מאן האָט? דער אמת'ר וויין, אונטערגעשלאָגען מיט באָרדענס מילך פונ'ם „באָטעל",

פלעגט ער שוין אליין נעמען פון טיש און באצאָהלען
פלעגט ער די געוועהנליכע צוויי סענט פאר סאָדע־וואסער.

אָבער דאָס איז נאָך גאָר נישט. די רעכטע מעשה הויבט זיך ערשט אָן:

איינמאָל אין א ביינאכט, ארום זיינער צוועלף, קומט ער צוגעהן, צעשפרייט זיך מיט זיין וועטשערע און עסט זיך פאמעליכענקע — ביז איינס א זייגער.

— זאָג איך איהם: פליעז איילט זיך אונטער א קאָ־פעלע, שוין איינס דער זייגער און איך וויל געהן שלאָפען.

— דאַנט באדער מי! — מאכט ער — און ווערט אויפגערעגט... אז איהר ווילט שלאָפען — שלאָפט... וואָס איז דאָס מיין דאגה?..

— איך בין זעהר אָפגעארביים! — פרוב איך זיך בעטען ביי מיין צוויי־סענטיגען קאָסטומער.

— פליעז! פליעז! — מאכט ער צוויי מאָל „פליעז" הערט מיר אויף דולען א קאָפּ מיט אייערע מעשיות... אז איך עס — האָב איך ליעב סע זאָל זיין שטיל... איברי־גענס, מאכט ער, איז מיר שוין פאר'מיאוס'ט אייער גאנצער חזיר'שער פלאץ... מיט די חזיר'שע פאראָנד־קעס...

— — — — — — — — — — — — — — —

וואָס ווייטער איז געשעהן ווייס איך נים. איך ווייס נאָר אז איך האָב איהם דערלאנגט א זעץ צו דר'ערד, זיך ארויפגעשטעלט מיט א קניע אויף זיין בויך און איהם גענומען קנעטען מיט אלע כחות און שרייען:

— נאדיר א חזיר'יש פלאץ! נאדיר חזיר'שע פאראָנד־קעס! נאדיר פאר צוויי סענט א גלעזעל וואסער... נאדיר איינענע פאסטראמע!...

— — — — — — — — — — — — — — —

זאָגט איהר: אידישע רעסטאָראנען.

אז פארברענט האָבען זיי געזאָלט ווערען איידער איך האָב זיי דערקענט! אפשר ווילט איהר נאָך א פיקעל?

שמייכלען, היינטיגע צייטען, מאכט ער, שפּיעלט די פּעני א גרויסע ראָלע... נאָט אייך, מאכט ער, צוויי סענט וואָס סע קומט אייך פאר'ן סאָדע־וואסער, און טאָמער, מאכט ער, וועלען אריינקומען א זעקס יונגע לייט פרעגען אויף מיר, זאָלט איהר זיי הייסען ווארטען... ווארום איכ'ל באלד אריינקומען...

צומאָרגענס באוויזט ער זיך ווידער — דער איד, גאנץ פריה, זעצט זיך אוועק ביים שענסטען טיש, טוט אויס דעם ראָק, פארקאשערט די ארבעל, גלעט זיך אויס ־עם פליך און הויבט אָן שלעפּען פון די קעשענעס הארטע אייער.

— זעהט איהר! — מאכט ער צו מיר, קלאפּענדיג די אייער מיט מיין לעפעלע — אָט אזעלכע אייער דארפט איהר קויפען... ס'איז טייערע אייער ווי גאָלד — גיט מיר א גלעזעל סאָדע־וואסער, נאָר האָריאָפּ!

איך האָב איהם דערלאנגט א גלעזעל סאָדע־וואסער, מיין איד האָט זיך גוט אָנגעפּאָיעט און געזאָגט:

— הערט, מיסטער קאטץ, (מיין נאָמען איז קאטץ!) וואו קויפט איהר אייער ברויט — ביי וועלכען בעקער?

— איך האָב איהם אָנגערופען א נאָמען פון א באַ־קאנטען בעקער.

— קען איך פארזוכען א שטיקעל?

— נעוויים.

ער האָט אויפגעגעסען אפשר דריי פונט ברויט און דאן האָט ער געזאָגט זעהר רוהיג:

— פּע! סארא חזיר'יש ברויט ביי אייך איז! זעמיל האָט איהר אויך? — אנו באוויזט!

איך האָב איהם דערלאנגט א זעמיל. ער האָט איהם אויפגעגעסען און באמערקט זעהר קוריץ:

— חזיר'שע זעמיל!

דאָס איז געווען אין אָנפאנג.

שפּעטער צו האָט ער זיך מישב געווען, ער האָט שוין קיין פּיקעלס מיט קיין ברויט אויך ניט געבראכט. דאָס

— די מ ש א ר י מ י ס, רעדט אויף עטליכע שפראכן מיט אמאל, און קרינט זיך מיט אלעמען וועגן אלעס.

אט דער דאזיגער איד — מעג איך זאגן, האט מיך ארויסגעטריבען פון יענעם פלאץ.

וואס פלעגט ער א שטיינער טון? — גאר ניט. ער פלעגט אריינקומען מיט א מין ברייטקייט, און מיט א שטעל, ווי א ראקפעלער, זיך אויסקלייבען דעם שעהנסטען און גראמסטען טיש און ארדערען א... גלאז סאדע־וואסער פאר צוויי סענט...

דאן פלעגט ער א געשריי טון צום וועיטער:

— סעי, מיסטער, גיט מיר אכטונג אויפ׳ן רעקעל! איך דארף ערגיץ ארויסלויפען!

און וואס מיינט איהר האט ער געטון? ער איז ארויסגעלאפען דער חזיר און זיך איינגעקויפט א באקסעל סעמען, עטליכע הערינג, א פאר פיקעלס, א פונט פאסט־ראמא, א ברויט און צוריקגעקומען — עסען...

אפגעגעסען, מאכט ער צו מיר:

— ווייסט איהר, אז איהר האט ניט קיין שכל ווי צו פיהרען א ביזנעס?

— דהיינו, פארוואס מיינט איהר אזוי?

— איך מיין, זאגט ער, אז איהר דארפט ניט פאר־קויפען קיין דיגער פאר 35 סענט. דאס וויניגסטע וואס איהר דארפט רעכענען איז 50 סענט — ניט וועניגער א פעני. און מיר איבערגעבענדיג עפעס א פעקעלע, מאכט ער: באהאלט דאס ערגעץ פון מיינעטוועגען, כ׳האב זיך איבערגעלאזען א גוט שטיקעל לאקס אויף מארגען...

— מיינע עסענס געפעלען אייך מסתמא ניט? — וואג איך זיך ארויסצוזאגען.

— ניין! מאכט ער — אדרבא, איהר האט גאנץ גוטע עסענס... נאר אז איך קויף דאס אליין, קאסט עס מיך בילינער.

קוה איך איהם אן און — שמייכעל.

— צאלרייט! — מאכט ער — איהר דארפט ניט

אזוי איז שוין אוועקגעשטעלט געוואָרען די וועלט — קענסט גאָר ניש־ניש מאכען! אפשר ווילט איהר נאָך אביסעל כריין? ניין? הקיצור, איך האָב זיך געבלוטיגט און אויפגעעפענט א רעסטאָראַן אויף איסט־בראָדוויי. א פיינעם רעסטאָראַן ווי א גאָלד — גרויס, לופטיג, א מחיה, און טאקע, ווי זאָגט איהר, „דעליווערט די גודס“, און פון שענסטען. וואָרים אין לויפען דער צייט — אז און פון שעהנסטען. וואָרים אין לויפען דער צייט — אז דער מענש וויל זיך איינטרייען א געשעפט, איז דאָך, ווי זאָגט איהר — קורץ, וואָס זאָל איך אייך דערצעהלען: דער רעסטאָראַן האָט זיך פון אָנפאנג אוועקגעשטעלט גאָר נישקשה׳דיג. אריינגעקומען אידישע שרייבערס, און געגעבען צולייזען גאָר נישט שלעכט.

מילא גליקען מאכען פון אידישע שרייבערס — איז דאָך נישט שייך... גאָר אזוי אין אלגעמיין האָט זיך עס געוויזען גאנץ נישקשה׳דיג...

א וואָך — צוויי אזוי.

מיט א מאָל האָבען זיך גענומען יאווען — ווי רופט איהר זיי? — טראַמבעניקעס. דערהערט, אז ביי מיר אין רעסטאָראַן קומען אריין אידישע — ווי רופט איהר זיי — ליטעראַטען, האָבען זיך גענומען יאווען אלערליי שלעק און אָנשיקענישען פון דער גאנצער וועלט: סאָסייעטי־מעמבערלעך, לעדיג־געהער, גלאט נודניקעס.

איינער פון זיי איז געווען אן עלטערער איד, אָהן א באָדר אָדער וואָנצעס, מיט צוויי קליינע כיטרע אויגעלעך — ווי צוויי שווארצע מייזלעך... און די דאָזיגע צוויי אויגעלעך זיינען כסדר ארומגעלאָפען אין די רויטע אויי־גען־נעסטען, ווי זיי וואָלטען געוואָלט ארויספליהען און עפּיצען א ביס טון...

וואָס איז דאָס טועכץ פון דעם דאָזיגען אידען האָב איך אין אָנפאנג ניט געוואוסט, נאָר שפּעטער האָב איך אויסגעפונען, אז ער ארבייט פאר — ווי רופט איהר עס

# א ברויטגעבער

— איהר רעדט פון רעסטאָראַנען — האָט ער אָנגעהויבען — פרעגט  מ י ך, וועל איך אייך זאָגען.

אָט איז דער כריין!

ווי איהר ווייסט, מסתמא, בין איך אין די רעסטאָראַן ביזנעס שוין נים פון היינט אָן — סעי, דזשאָו, שטעל צום טיש דעם עסיג... נישטאָ קיין עסיג אויפ'ן טיש!

האָב איך מיר געהאט מיינע ביזנעס אין פאַרשיעדענע געגענדען פון שטאָדט — מייסטענס אין גוי'עשע. מילא, איכ'ל אייך נישט זאָגען, אז איך האָב געמאכט גרויסע גליקען, ס'איז נים שייך! א רעסטאָראַן איז בכלל אַן אָרימע ביזנעס. און נתעשר ווערען דערפון קען מען נישט. נאָר ס'שטיקעל ברויט האָט זיך געשלעפּט. וואָס — וואָס, א גוי ווייסט דיר נישט קיין חכמות. קומט אַריין, עסט אָפּ, באַצאָהלט און געהט אוועק.

זיצען אין רעסטאָראַן גאַנצענע טעג און כליאָבען טיי און — ווי רופט איהר עס — דיסקוטירען — דאָס איז א זאַך וואָס די ערלים ווייסען נישט. ביי א גוי איז אָדער ער עסט, אָדער ער שלאָגט זיך. אָבער שלאָגען זיך איבער געוויסע פראַגען, און אין דערזעלבער צייט עסען דינער — דערפון האָט ער קיין השגה נישט.

איז דאָך אָבער, ווי זאָגט איהר, אמעריקא א מדינה, איז מיר איינגעפאַלען, אז גענוג געמוטשעט זיך צווישען גוים, אין א גוי'עשער געגענד — כ'וועל פּרובען עפענען א ביזנעס ערגיץ אויף דער איסט סייד, צווישען אייגענע מענשען.

א איד — ווי זאָגט איהר — איז פאָרט נים קיין גוי. און יעדען ציהט צו דאָס זייניגע...

עפעס. זאָגט ער, אויף צו פּלייסען? איך חלש, זאָגט ער, רערפאר וואָס איך מוז... ווייל עס שפּארט מיך אָן... איך קען זיך ניט העלפען!

— יאָ, זאָג איך, אָבער ווער הייסט אייך עסען אין אזא רעסטאָראַן, איהר זאָלט מוזען חלש'ן?

—וועל, זאָגט ער, ער קען זיך נישט העלפען, ער איז שוין, זאָגט ער, צוגעטרייעט צו דעם פּלאַץ, ער עסט דאָרטען שוין איבער פינף חדשים...

— און וואו האָט איהר ביז איצט גע'חלש'ט? פרעג איך.

— ביז איצט, זאָגט ער, האָב איך גע'חלש'ט אין דער דרייצעהנטער סטריט און סעקאָנד עוועניו... נאָר ס'איז צו ווייט...

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

צו מאָרגענס — אזוי ענדיגט אונזער אויסגעטראַכטער רעסטאָראַטאָר — האָב איך פארקויפט דעם רעסטאָראַן אין אָ ק ש ע ן און בין ארויס פון די ביזנעס.

און אזוי ווייטער.

אז ער איז געקומען צו זיך, האָב איך איהם אוועקגע־זעצט אויף א קאר און איהם אהיימגעשיקט.

צו מאָרגענס, פונקט איינס א זייגער, איך זעה ווי א איד דערנעהענטערט זיך צו מיין טיר — הינטערווייל־עכס — שאָקעלט זיך ווי א בוים אין א שטורם־ווינט... און — וויל חלש'ען, אז ער שטארבט.

נעה איך איהם אָקענען, שטופ איהם אריבער אויף דער אַנדערער זייט גאַס, נעבען רעסטאָראַן וואו ער עסט, און לעג איהם אוועק ביי מיין קאָנקורענט אויפ'ן שוועל...

אין א פערטעל שעה ארום, קומט ער צולויפען א פייכ־טער, איז רויט ווי א נזלן און שרעקליך צעקאָכט.

— מיסטער, זאָג איך צו איהם, איהר קוקט אויס צו זיין אביסעל ביינזלעך!

— יאָ, זאָגט ער, איך בין בייז ווי א טיגער — בין איך.

— וואָס איז די אורזאכע דערפון?

— די אורזאכע דערפון, זאָגט ער, איז וואָס איהר האָט ניט געהאט קיין רעכט מיך אריבערצושטופען אויף דער אנדערער זייט—צו חלש'ן אין מיין איינגענעם רעסטאָראַן! ערשטענס, זאָגט ער, פאסט מיר ניט צו חלש'ן צווישען איינגענע מענשען, צווייטענס, זאָגט ער, איז ביי אייך גראָ־מער. לופטיגער... און אין אַלגעמיין געפעלט מיר אייער פלאץ בעסער ווי דאָרט וואו איך עס.

איך האָב איהם קוים בארוהיגט און אוועקגעשיקט.

צומאָרגענס, מיין חלש'ער איז ווידער דאָ! אקוראט א זייגער איינס — צו דער מינוט. קומט אריין הינטערוויי־לעכס, לענט זיך אוועק און — חלש'ט.

אָפּגעמינטערט איהם, מאך איך צו איהם:

— מיסטער, וואָס האָט איהר צו מיר? וואָס רואינירט איהר מיך?

קוקט ער מיך אָן.

וואָס הייסט, זאָגט ער, איך רואיניר אייך? איך חלש

ניק, איהם נעבלאָזען אין די נאָז־לעכער, און אז ער איז נעקומען צו זיך, האָב איך איהם אויפגעזעצט אויף דער קאַר און איהם אהיימגעשיקט.

מיין באהאנדלונג איז איהם, ווייזט אוים, געפעלען געוואָרען. ווארים גלייך אויף דעם אנדערען טאָג, פונקט איינס א זייגער, ווען ער איז צוריקגעגאנגען פון מיטאָג־עסען, איז ער ווידער אריינגעפאלען צו מיר אין רעסטאָ־ראַן — הינטערוויילעכס — זיך אוועקגעלייגט אויף דער שוועל און גע׳חלש׳ט, אויפ׳ן שעהנסטען אופן.

דאָס מאָל האָב איך איהם גלייך דערקאַנט, און וויסענ־דיג אז עסען עסט ער ביי מיין קאָנקורענט און חלש׳ן קומט ער צו מ י ר, האָב איך איהם געריבען שוין ניט מיט ווייך־עסיג, נאָר מיט דער בילינסטער ווארע וואָס מען קען קריגען. און אנשטאט סעלערי־טאָניק האָב איך איהם איצט אָפּגעבליאפעט מיט „פליין סאָדא“ און אנשטאט איןביידע נאָז־לעכער ווי פריהער, האָב איך איהם איצט געבלאָזען בלויז אין א י נ ע ם.

אז ער איז געקומען צו זיך האָב איך איהם געפרעגט:

— איז איהם ניט גוט געוואָרען?

— יאָ.

— צו וואָס דארף ער עס?

— ער ווייסט נישט.

— און וואָס איז, נאָך זיין מיינונג, די סיבה דערפון?

— דאָס חזיר׳שע עסען, וואָס ער עסט, ער עסט קעגענ־איבער אין א רעסטאָראַן איז דאָס עסען זעהר פאסקודנע — מוז ער חלש׳ען...

— פארוואס־זשע גראָד ביי מיר?

— ווייל ביי מיר איז גראמער, לופטיגער, און אין אלגעמיין געפעלט איהם דאָס פלאץ בעסער. ווי יענער וואו ער עסט...

— טו וואָס־זשע קומט ער נישט אהער עסען?

— ער ווייסט אליין ניט. ער איז שוין צוגעוועהנט צו יענעם רעסטאָראַן...

מאַלצייט, ווען דער קעלנער פלעגט זיי דערלאַנגען דעם חשבון, פלעגען זיי אויף איהם ארויפליינען זייער „אויטאָ־גראַף" און דאמיט באַרוהיגען זייער געוויסען...

מיר איז געווען שלעכט — זעהר שלעכט. וואָס אַ טאָג זענען די מיטארבייטער אויף מיינע צעטעלעך געוואָרען צאָהלרייכער... כמעט די גאַנצע אידישע אינטעליגענץ, האָט מיטגעארבייט אויף מיינע צעטעלעך...

און אפשר איז דאָס נאָך געווען ווייניג, — האָט מיר נאָך גאָט צוגעשיקט דעם רענגעלמעסינגען חלש'ער און יענער האָט מיך שוין נ אָ ר אויסגענעקוילעט.

אזוי געווען די מעשה:

איינמאָל, ארום איינס אַ זייגער נאָכמיטאָג (איך לאָז אויס די נאטור־באשרייבונג און די פסיכאָלאָגיע — דאָס ערשטע וועלען די לעזער געפינען ביי מאקסים גאָרקי, דאָס צווייטע — ביי דאָסטאָיעווסקי'ן!) עפענט זיך די טיר און עס פאַלט אריין צו מ י ר אַ פרעמדער איד, שטרעקט זיך אויס אויף דר'ערד און... חלש'ט.

אָפּגעמינטערט איהם, זעץ איך איהם אוועק ביי אַ טישעל און פרעג איהם זעהר קלוג:

— איהם נישט גוט געוואָרען?

— יאָ, עס איז איהם נישט גוט געוואָרען.

— ער האָט גע'חלש'ט?

— יאָ.

— צו וואָס דאַרף ער עס?

— ער ווייסט נישט.

— וואָס קען, נאָך זיין מיינונג, זיין די סיבה דערפון?

— דאָס עסען. ער עסט קעגענאיבער אין אַ רעסטאָראַן, איז דאָס עסען זעהר אַ פּאַסקודנע. איז נאָכ'ן עסען ווערט איהם נישט גוט און ער חלש'ט.

— אַלע טאָג?

— יאָ. אַלע טאָג.

איך האָב דעם מאַן פיין באַהאַנדעלט, איהם אויסגע־ריבען מיט וויין־עסיג... באַגאָסען איהם מיט סעלערי־טאָ־

# דער רעגעלמעסיגער חלש'ער

אזוי ווי די ליעבעלייזער האָבען זעהר האָלט אז מע דערצעהלט זיי מעשיות וועגען אזא פּאָפּולערען געגענשטאַנד ווי עסען, דאריבער גיב איך זיך די מיה אויסצוטראַכטען די פאָלגענדע געשיכטע, וועלכע דאַרף כלומרש'ט דערצעהלט ווערען פון א אידען וואָס האָט אמאָל געהאַלטען א רעסטאָראַן. „וואָס מאכט ער עפּעס דער דאָזיגער איד?" פרעגט איהר. „א דאַנק פאַר נאָכפרעגען", זאָג איך. ער פיהלט שוין היינטיגע וואָך אביסעלע בעסער. „ווי־אַזוי?" פאַר'חידוש'ט איהר זיך „ער האָט דען שלעכט געפיהלט?" „אי!" זאָג איך און קוק אייך אָן ווי משוגע „פרעגט בעסער ניט. צווינגט מיך ניט" זאָג איך „אייך צו מוזען ערקלעהרען אז אונזער אויסגעטראכטער העלד האָט לעצטע וואָך גענומען א וואנע... און זיך אינגאנצען איינגענעצט".

„נאָר גענוג", זאָג איך „דערפון, לאָמיר דעם אידען א נאָמען געבען פראַיקע, איהם אוועקזעצען אויף א בענקעל לעבען אונז, און איהם בעטען אונז צו דערצעהלען זיין געשיכטע מיט דעם „רעגעלמעסיגען חלש'ער":

אָלרייט, ר' פראַיקע, איהר קענט שוין אָנהויבען. אנו! הויבט ער אָן אזוי:

„... איך האָב דעמאָלט געהאַלטען א רעסטאָראַן אויף איסט־בראָדוויי און געהאַט די עהרע זיך צו באַקאָנען מיט די פיינסטע אידישע דיכטער און שריפטשטעלער — מיט אלע, האָב איך זיך דעמאָלט פערזענליך באקאָנט, א חוץ מיט די פּאָר סענט. מיט דאָס לעצטע איז מיר זעהר שווער געווען צו שליסען א גענויערע באַקאַנטשאַפט, מחמת כמעט אלע האָבען געגעסען אויף צעטעלעך... דאָס הייסט נאָכ'ן

— דאַטסרייט! — האָב איך געענטפערט — א פיינער טאָג!

דער „דאַטסרייט“ איז געווען איבריג — אָבער נ א ־ ט י ר ל י ך.

— זיינען מיר אלזא אין קאונטרי — האָט גערופען ס׳קול.

און איך האָב צוריקגערופען מיט דערזעלבער באַטאָ־נונג: זיינען מיר אלזא אין קאונטרי!

— כאַכאָה! — האָט געלאַכט ס׳קול.

— כאַכאָה! האָב איך — אלס ווידערקול — צוריק־געלאַכט.

— וואו זענט איהר? — האָט געפרעגט ס׳קול.

— וואו זענט איהר? — האָב איך צוריקגעפרעגט.

— כאַכאַכאָה! — האָט זיך ס׳קול געהאַלטען ביי די זייטען פון לאַכען.

— כאַכאַכאָה! — האָב איך צוריקגעלאַכט אויף א היסטעריש קול.

א ווײַלע איז געווען שטיל. איך האָב זיך דערווייל פאררויכערט א ציגארעטעל און באלד האָט ס׳קול ווידער געפרעגט:

— וואָס מאַכט איהר עפעס?

— טהענקיו! — האָב איך געענטפערט — איך בין אָלרייט. וואָס מאַכט איהר אליין? — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

אין א האַלבע שעה ארום האָב איך געהאַלטען אויף דער דאַלאַניע $2.40 — געצאָהלטס פאר מיין מערדערי־שער ארבייט, אלס ווידערקול, און מיין פריינד, דער פאר־מער, האָט מיר געוויזען מיט׳ן פינגער אוואו די באַהן־סטאַנציע איז, און ער האָט מיך געוואָרענט, אז איך זאָל אכטונג געבען ווי איך׳ל אריבערגעהן די „טרעקס“ — אז נישט וועט׳ן מיך איבערפאהרען...

קלאַנג... אַן אַבסטראַקט — אַזוי צו זאָגן"... אַט־אַזוי האָב איך מאַנגלאַגירט, און זיך געריסען די לאָקען פון קאָפּ, און זיי אַרויסגעלאָזען דורך די פענסטער פון דער באַהן, וואָס האָט מיך געטראָגען צו מיין קאַריערע אַלס עכאָ...

אַז איך בין אָנגעקומען אַהינצו אויף דער פּאַרם און זיך באַגריסט מיט מיין פּאַרמערישען פריינד, האָט זיך צווישען אונז געשטעלט דער העכסט־פּאָלגענדער שמועס:

א י ך: אין וואָס באַשטעהט מיין אויפגאַבע אַלס ווידערקול, פּליעז?

ע ר: וועסט מוזען שטעהן אַ גאַנצען טאָג לעבען דעם בריקעל פון מיין טייך און אַרבייטען אַלס — עכאָ.

א י ך: ד'שכל?

ע ר: פאַרשטעהסטו מיך, עס זענען פאַראַן מענשען וואָס זיינען גרויסע נאַטור־ליעבהאָבערס און זיי האָבען האָלט עס זאָל עכאָ'ן... און אַזוי ווי מיין קאָנקורענט האָט פּאַראַיאָהרען צוגענומען אַ מענשען און איהם אַוועקגע־שטעלט ערגיץ, ביי אַ בריקעל — ער זאָל עכאָ'ן, האָב איך היינטיגס יאָהר אַדווערטייזט, אַז מיר האָבען נאָך אַ שטאַר־קערען ווידערקול אין אונזער וועלדעל — ווייל איך דו זאָלסט זיין דאָס ווידערקול... ווייל דו האָסט אַ געזונט קול...

שפּעטער מיט אַכט מינוט בין איך שוין געלעגען פאַר־שטעקט ערגיץ אין אַ זומפּיג וועלדיל און געוואַרט... אויף דער געלעגענהייט, אויסצופּריבען מיין טאַלענט אַלס ווי־דערקול...

באַלד איז פאַרביינגעגאַנגען אַ איד, און פון זיינע באַ־וועגונגען מיט די הענט, ווי אויף צו כאַפּען פליגען, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער מוז זיין אַ פאַרהערער פון דער מו־טער נאַטור, און אַ זוכער פון... עכאָ'ס.

באַלד האָט זיך דערהערט אַ רוף: העלאָ! הוזדער?

איך האָב פּראָמפּט צוריקגערופען: העלאָו! הוזדער?

— אַ פיינער טאָג! — האָט געזאָגט ס'קול — קומענ־דיג אַליין נעהענטער.

צייט האָט זיך גענומען איהרס — זי האָט ניט געהאַט קיין צייט צו ווארטען, זי איז געגאנגען אהן אן אויפהער, און איך בין ארומגעגאנגען גלייך מיט דער צייט: נאַקעט און באָרוויס, אהן א דימענטשפּילקע אויפ׳ן לייב...

בין איך אלזא געוואָרען א וואָס? א ווירערקול! א ווידערקול בין איך געוואָרען, מיינע פריינט! אן עבאַ — פאר $2.40 א טאָג, מיט פרייע לאונדרי...

— דערצעהל, ליעבער, דערצעהל, ווי אזוי האָט דאָס פּאסירט!

אַלריים, איב׳ל דערצעהלען:

דאָס איז געווען נאָכדעם ווי איך האָב א לאנגע צייט געזוכט ארבייט און נישט געקענט געפינען. אומעטום וואו איך בין געקומען זוכען באשעפטיגונג האָב איך געקראָגען דעם ענטפער, אז אזוי און אזוי — ענטוועדער מ׳האָט פאר מיר ארבייט, אָדער — פארקערט. אין ערשטען פאל בין איך געווען אומגליקליך, ווייל כ׳האָב מורא געהאַט, אז מ׳עט מיר אָנשלאָגען, אז איך זאָל זיך שטעלען ארביי־טען — וואָס דאָס איז געווען געגען מיינע איבערצייגונגען אלס מענש און ליידינ־געהער. און אין צווייטען פאל האָב איך גלאַט אזוי אוועקגעלעגט די אויגען אויפ׳ן ארבעל און געווייגט — ס׳גרעסטע געוויין...

אז ס׳האָט שוין געהאלטען נאר שמאָל — אזוי שמאָל, אז איך האָב שוין ערנסט גענומען טראכטען וועגען פאָהרען אין די בראָנקס, און דאָס וואסער האָט שוין דערגרייכט א ז ו י ווייט (אָנווייזענדיג אויף מיין נייעם 98 סענטיגען קראוואט!) — דעמאָלט האָב איך דערהאַלטען א בריעף פון א פריינד מיינעם, א פּארמער, אין וועלכען ער האָט מיר אָנגעבאָטען ווערען א ווידערקול מיט א געהאלט פון $2.40 א טאָג און פרייע לאונדרי.

„איך — א ווידערקול! נישט מעהר דער שענער, דער חנ׳עוודיגער יונגערמאַן, מיט זיין הויכער שטעלונג אין דער געזעלשאַפט, מיט זיין פּאַרפּיהערישען שמייכעל און פייערדיגע אויגען — נאָר א ווירערקול... אן עבאָ... א אָפּ־

# איך — אַלס ווידערקול

איך האָב שוין אין מיין לעבען — זאָגט דער שרייבער פון די דאָזיגע צײלען — געהאַט פאַרשידענע צייטען און אויך פ אַ ר ש י ד ע נ ע ר ע. איך האָב שוין אין מיין לע־בען געאַרבייט ביי אַלערלייעסטע מלאָכות וואָס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלען, און אויך ביי אַנדערע — אָבער יענע צייט, זאָגט ער, וואָס איך האָב געאַרבייט אַלס ו ו י ד ע ר־ ק ו ל, פאַר $2.40 א טאָג, מיט פרייע לאונדרי, וועל איך נישט פאַרגעסען, ביז מ'עט מיר נישט לעגען קיין שערבלעך אויף די אויגען...

שטעלט זיך פאָר: איך, א הויכער, א שלאַנקער, א צווייהענטיגער מענש מיט אויגען וואָס זעהן, מיט אויערען וואָס געהן אין דער אָפּערא, מיט פיס וואָס פאַרשוכען אי־בער 20 דאָלאַר א יאָהר — שטעלט פאָר, זאָג איך, אין וואָס פאַר א לאַגע איך האָב זיך געמוזט געפינען, כדי אָנ־צונעמען א „דזשאָב" אַלס א ווידערקול, מיט א געהאַלט פון $2.40 א טאָג. און פרייע לאונדרי...

אך! מיין לאַגע איז געווען צופיעל, און די קרעכצען און די זיפצען וואָס זיינען צו יענער צייט — ארויס פון מיין ברוסט, האָבען געקענט אָנפילען ס'שענסטע אידישע טע־אַטער. און פון די אויגען איז מיר גערונען נישט קיין בלו־טיגע טרערען — נאָר ה י י ס ע בלוטיגע טרערען!... די דאָזיגע טרערען האָב איך געלאָזט רינען פריי איבער מיין וועסטיל — דערנאָכדעם פלעג איך נעמען ס'וועסטיל און עס אויסדרעהען, און עס ארויסהענגען אין דרויסען — עס זאָל זיך טרוקענען.

קורץ: ס'איז מיר געווען שלעכט, ערגער, ביטער. די

קוקט גלייך אין די אויגען אריין און געזאָגט מיט אַלע כחות:

— פאַר־ר־ך!!

דאַן האָב איך זיך ווידער אויפגעכאַפּט אויף פּלאַטפאָרמע און גע׳חלש׳ט אַ לענגערע צייט...

דאָ פאַר זיך אַ ריכטיגען טיפּ פון יענעם האַלב־משוגענעם פאַרברעכער וואָס קען דער׳הרג׳נען אַ מענטשען צוליעב גאַרנישט. די דאָזיגע פאַרברעכער זענען זעהר געפּעהרליך, אָבער מען קען זיי לייכט דערקענען אַן דעם וואָס זיי פינט־לען מיט די אויגען און זיי זיינען געל ווי וואַקס און זיי רעדען אויף שטום לשון און זיי כאַפּען זיך פּאַטשען ביי יעדער געלעגענהייט. און עס געהט זיי אַזש אַ שוים פון מויל, און די אויגען צינדען זיך ביי זיי אַן ווי לאָמ־טערנעס. אָט קוקט איהם אָן! — האָט ער געוויזען אויף מיר און זיך אָפּגערוקט אַ פּאָר שריט אויף הינטערוויי־לעכס — ער וויל זיך שוין ווידער שלאָגען. דאָס איז — האָט ער פאַרטגעזעצט און געהאַלטען אויף מיר אַן אויג — דאָס איז דער אמת׳ער פאַרברעכער־טיפּ... און דאַריבער ענדיג איך מיין לעקטשור מיט די ווערטער: ערציהט אייע־רע קינדער! בילדעט זיי! נעהמט זיי צו לעקטשורס און זעהט אַז זיי זאָלען נישט אויסוואַקסען אַזוינע אידיאָטען און פאַרברעכער ווי דער דאָזיגער דאָ...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַז איך בין געקומען צו זיך איז שוין געווען האַלב־פינסטערליך אין זאַל, און לעבען מיר איז געשטאַנען דער לעקטשורער, מיר געריבען ס׳האַריגע האַרץ מיט עסיג און מיר געשטופּט אין האַנט אריין דעם דאָלאַר מיט ניינציג סענט פאַר מיין ארבייט, אַלס ביישפּיעל.

— איהר וועט מאָרגען נאָך אַמאָל קומען? — האָט ער געפרעגט, נאָכדעם ווי ער האָט מיר געהאָלפען זיך אויפזעצען און מיר אָנגעטון ס׳היטעל — ס׳איז זעהר אַ גוטע ארבייט פאַר אַזאַ מענש ווי איהר, וואָס האָט אַ שוואַך האַרץ. און איהר טאָרט נישט ארבייטען אין קיין שאָפּ. און פאַר מיר לוינט זיך אויך, ווייל מיינע צוהערער האָבען ליעב אַז איך אילוסטריר מיינע לעקציעס מיט לעבעדיגע ביישפּיעלען. נו, וועט איהר קומען מאָרגען?

איך האָב זיך געשטעלט אויף די פיס, זיך צורעכט גע־מאַכט ס׳היטעל, זיך אָנגעהאַלטען אָן בענקיל איהם גע־

פּנים מיט די אויגען וואָס האָבען געהאַלטען אין איין פינטלען. — פריינדע, איך האָב אייך ערשט געזאָגט, אז דער געוועהנליכער פארברעכער איז א נידעריגער מענש, א חיה, א קאניבאל, און עקעלהאפטע באשעפעניש און איצט האָב איך א געלעגענהייט צו אילוסטרירען מיין געדאנק מיט א ביישפּיעל. אָט גיט א קוק אויף דעם דאָזיגען יונגען מאן (ער האָט אָנגעוויזען אויף מיר), באטראכט זיינע נאַרישע אויגען וואָס האלטען אין איין פינטלען... קוקט זיך צו — האָט ער געוויזען אויף מיר מיט א פינגער — קוקט זיך צו צו זיין אידיאָטיש פּנים... און איהר וועט וויסען, ווי אזוי עס זעהט אויס א מענש, וואָס האָט פארברעכערישע אינסטינקטען...

עס איז מיר געוואָרען פינסטער אין די אויגען און איך האָב געוואָלט עפּעס זאָגען — זיך פארטיידיגען, אָבער כ'האָב נישט געקענט. ס'איז מיר קוים געלונגען ארויסצורעדען עטליכע נישט־פאַרשטענדליכע ווערטער...

— מיינע פריינדע! — איז דער לעקטורער אָנגעגאנגען ווייטער מיט זיין לעקציע איבער קרימינאַלאָגיע און מיך צוגעהאלטען ביי דעם געלענק פון דער האנט — ווי איך האָב פריהער געזאָגט, זענען פארברעכער שוואַכזיניגע מענשען און זיי ווייסען נישט וואָס זיי רעדען און אז זיי ווערען בייז און ווילען אויסדריקען א פּראָטעסט, בעבען זיי, גלאָט אזוי אין דער וועלט אריין... ווי דער יונגערמאן, וואָס שטעהט דאָ לעבען מיר אויף דער פּלאַטפאָרמע (ווייזט ווידער אויף מיר) האָט אייך באוויזען... ער איז איינער פון די געפעהרליכע פארברעכער וואָס קענען נישט אויסדריקען זייערע געפיהלען מיט ווערטער, ווייל דער מארך ארבייט ביי זיי נישט... און דאריבער, אז זיי ווערען אויפגערעגט נעהמען זיי זיך באלד שלאָגען! און — הרג'נען...

איך האָב איהם דערלאנגט א פּאטש.

— פריינדע! — האָט ער זיך אָפּגעווישט דעם פּאטש מיט א ווייס טאשענ־טיכעל — ווי איהר זעהט, האָט איהר

און שוין זעהר לאַנג נישט געשווירענע מאַנסבילען, וואָס האָבען אויף זיך געטראָגען טויט־ערנסטע פּנים׳ער, און בכלל האָבען זיי אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פון א בית־עולם וואָס אָטעמט שטיל, אָבער זיכער...

מיין בעקאַנטער, אָנגעטון אין זיין בעסטען פּליך און אָנגעשפּאַרט אָן א פּלעשעל זעלצער־וואַסער, איז געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרמע און גערעדט. אז ער האָט מיך דערזעהען האָט ער מיר א וואונק געטון מיט א פינגער, איך זאָל ארויפגעהן.

איך האָב אזוי געטון. נישט וויסענדיג אין וואָס מיין ארבייט באַשטעהט, האָב איך זיך אוועקגעזעצט אויף א בענקעל הינטער דעם לעקטשורער און גענומען אזוי פאַ־מיעלאַך איינדרעמלען פון מיעדקייט.

באלד האָב איך דערפיהלט אויף זיך א האַנט און מיין באַקאַנטער האָט צו מיר געזאָגט שטילערהייד:

— שטעלט זיך אויף. איהר דאַרפט זיך שטעלען צו דער ארבייט אלס — ביישפּיעל.

— איך האָב זיך אויפגעהויבען.

— קומט צו נעהענטער צום עולם! — האָט ער מיר באַפוילען.

איך האָב אזוי געטון — מיט גרוים שרעק און קניע־ציטערניש, ווייל ביז דעמאָלט איז מיר נאָך קיינמאָל נישט אויסגעקומען צו קוקען אזא עולם אין פּנים אריין. איך האָב געמיינט, אז איך פאַל!

— האַלט זיך! — האָט מיר מיין לעקטשורער און באַלעבאָס אונטערגעגעבען מוט — ס׳איז א דאָלאַר מיט ניינציג סענט...

— א דאָלאַר מיט ניינציג סענט! — האָב איך אין געדאַנק געצעהלט דאָס געלט אין פּענים, כדי עס זאָל זיין וואָס מעהר, און עס זאָל מיר געבען כח צו שטעהן אויף די פיס...

— פריינדע! — האָט זיך מיין לעקטשורער געווענדעט צום עולם און אָנגעוויזען אויף מיין בלאַס צושראָקען

און מיינע אוינגען האָבען געשוויצט מיט הייסע טרע־רען.

און ווען נישט א נעוויסער „פלוצים" — ווער ווייסט וואו איך וואָלט היינט אנגעשלאָגען — אויף וועלכען בית עולם ? !

דער דאָזיגער „פלוצים" איז געקומען אין געשטאַלט פון מיינעם א באַקאַנטען, וועלכער האָט מיר „פלוצים" א קלאַפּ געטון אויף די פּלייצע און געזאָגט:

— העלאָו.

איך האָב געענטפערט זעהר מאָגער און אויסגעהונגערט:

— 'סמאַכסטע ?

ער האָט געזאָגט:

— א דאַנק. 'סמאַכסט ד ו ?

איך האָב געענטפערט:

— נישט גוט. איך ארבייט נישט. 'סמאַכסטו אליין ?

— איך — האָט ער געענטפערט — בין א לעקטשו־רער. איך לעקטשור איבער קרימינאלאָגיע און איך דאַרף האָבען צו זיך נאָך א מענשען, ער זאָל ארבייטען ביי מיר אלם... ביישפּיעל !

— וואָס הייסט „אלס ביישפּיעל" ?

האָט ער מיר ערקלערט אז אזוי און אזוי. און ער וועט מיר געבען א דאלאר מיט נײַנציג סענט א טאָג און איך זאָל קומען מאָרגען צו דער ארבייט.

— צו דער ארבייט אלס ביישפּיעל ! — האָט זיך מיר אלץ נישט געלענט אויפ'ן שכל, אז ער מיינט עס ערנסט.

— אלס ביישפּיעל מיט א דאלאר נײַנציג סענט א טאָג. — האָט מיין באַקאַנטער מיך פארזיכערט, אז ער מיינט עס ערנסט און כדי צו באַווייזען, אז ער מיינט וואָס ער זאָגט, האָט ער מיר גלייך אויסגעליהען עטליכע דאלאר פאראויס, אן „אַדרויף".

צו מאָרגענס, זייגער אכט בײַנאכט, בין איך געקומען אויף דעם אָרט, וואו מ'האָט מיר געהייסען. עס איז געווען א גרויסער זאַל געפּאַקט מיט קורץ געשוירענע פּרויען

געהאַט ארויסגעצווינגען פון דער אַלטער דירה און די גליק־ליכע צוקונפט איז געווען ווייט, אַזוי ווייט ווי זי איז אַלע מאָל, אפילו אין דער צוקונפט — איז ביי מיר געבליבען זוכען ארבייט.

זוכען. ארבייט זוכען. לאָמיר א זוך טון ארבייט. אַזוי האָב איך געזאָגט צו זיך, ווייל דאָס וואָרט ארבייט האָט מיך געשראָקען. איך בין שוין געווען אָפּגעוואָהנט דערפון. א חוץ דעם האָב איך מורא געהאַט אַז איך וועל מיר דאַר־פען איינשמירען די הענט און דער גלאַנץ וועט מיר אראָפּ פון די נעגעל.

איך האָב געהאַט זעהר שעהנע נעגעל!

עס האָט געהאַלטען שמאָל, זעהר שמאָל. מיינע באַקען זענען געוואָרען איינגעפאַלענער פון טאָג צו טאָג, מיין ברוסט־קאַסטען איז געוואָרען פלאַך ווי א סקיצע, מיינע אויגען האָבען זיך צוריקגעצויגען פון דער דרויסענדיגער וועלט און זיך באַהאַלטען אין די לעכער און זיך געפּוילט צו באַאָבאַכטען די זאַטע, קנישעסענדע וועלט. מיינע הענט זענען געוואָרען שוואַך. מיין האָפנונג אויך. זי האָט נישט מעהר געפלאַטערט ווי א זיידענע פאָהן אין ווינט, נאָר געלעגען שווער אויף דער נשמה, ווי א קאָלדרע וואָס הענגט ארויס פון׳ם פענסטער און וויל אראָפּפאַלען נאָר זי קען נישט...

עס האָט אָנגעהויבען ווערען ערנסט.

און ערנסטער.

און זעהר ערנסט.

א שטעלע. איך דאַרף א שטעלע. „דאַרף איך" — האָב איך זיך געפּרעגט שוין אויפ׳ן קול, אַזוי אַז איך זאָל דער־הערען — „דאַרף איך א שטעלע?" און איך האָב זיך גע־ענטפערט: „יאָ, אבסאָלוט. סע קען אנדערש נים זיין. עס מוז קומען די צייט."

און איך האָב זיך אויסגעקנאַקט די פינגער פון די הענט.

## איך — אַלס ביישפּיעל

די צייטען זענען געווען שלעכט. די צייטען זענען געווען ביטער, נאָך פיעל ביטערער ווי איהר דענקט. צו עסען איז נישט געווען וואָס און דאָס ביסעל וואָס איז געווען צו עסען איז אויך נישט געווען מיינס, נור עמיצען אנדערש׳ס.

דער עמיצער אנדערש איז — ס׳רוב — געווען אַ אומבעקאַנטער, אַ פרעמדער, דער רוח ווייסט פון וואַנעט.

מענשען וואָס איך האָב זיי נישט געקענט און האָב אפילו קיינמאָל נישט געהערט זייערע נעמען, זענען געגאַנגען פריי איבער די גאַסען און גענעסען זאַפטיגע באַרען און עפּעל און שקאַרמיצען מיט רויטע קאַרשען און צעשניטענע שטיקלאַך אונערקעלעך און זיי האָבען געשיילט באַנאַנעס און געוואָרפען די שאָלעכץ אונטער מיינע פיס און איך בין זיך נישט קיין פרעמדער און איך קען זיך אזוי נוט — איך בין ארומגעגאַנגען ליידיג און מיינע ציין זענען ארומגעגאַנגען ליידיג. אין יעדען פון מיינע צוויי אויגען איז געהאַנגען אַ חלום פון אַ פרישען פריהשטיק. און אין יעדען פון מיינע נאָז־לעכער האָט געציטערט די ליידענשאַפט צו אַ כשר׳ן רעסטאָראַן, צו אַ וואַרימען דרייסינסענטיגען מאָלצייט.

איך בין ארומגעגאַנגען איבער די גאַסען, נעדרעהט אין דער לופט מיין שטעקען און זיך געוואונשען ענט־ווערער דעם טויט, אָדער אַ גליקליכע צוקונפט.

דער טויט איז נישט געקומען, און ווען ער וואָלט גע־קומען וואָלט ער מיך נישט געפונען, ווייל איך האָב זיך

מענט־הויז געווען אויף די פיס. מאנכע טענענטס האָבן געמיינט, אז עס האָט אויסגעבראָכן א כאָלעריע און האָבן זיך געפאקט צו אנטלויפן. אנדערע האָבן געשריען, אז צוויי „באָיטשיקעס“ האָבן זיך פאר׳סם׳ט... און דער דזשעניטאָר איז געקומען צולויפן מיט אן עמער וואסער. באלד זיינען געקומען צופליהען צוויי דאָקטוירים, און דערזעהענדיג אונזערע אויסגעפלאסטערטע בייכער, האָבן זיי אונז גענומען פּאָמפּען און לאכען... לאכען און פּאָמפּען... אָבער איך און מיין פריינד פּרוזדאק זיינען געווען אין א זעהר ערנסטער שטימונג.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— און איצט — האָט מיין באקאנטער פארענדיגט — אז מען וועט אייך זאָגן, אז א מענש קען אויפעסען א ביזנעס אין עטליכע טעג, זאָלט איהר עס גלויבען...

איהם געקומען צו דער האנט און גענומען זופען, ער א זופ — איך א זופ.

אז מיר האָבען אזוי אויסגעזופט אלע פלעשלעך, האָב איך געמאכט א פאָרשלאג, אז מיר זאָלען זיך נעמען צו די פראַשקעס.

— העלפ׳ט אויף העלפט — מאכט פרווזדאק מיט א קול פון א מת און האלט זיך פאר׳ן בויך.

— האָב נישט מורא — זאָג איך — איך וועל דיך ניט באשווינדלען.

און מיר האָבען גענומען טון די פראַשקעס זייער רעכט: מיר א פראַשיק — איהם א פראַשיק. איהם א פראַשיק — מיר א פראַשיק, ביז מיר האָבען אויסגעליידינט אלע פאפירלעך.

אז מיר זיינען פארטיג געוואָרען מיט דער סעודה, האָבען מיר זיך באשמירט די קעפ מיט סעמפעל־פּאָמאדע, און פון דער גאנצער אפטייק איז נאָך געבליבען בלויז עטליכע פודעלעך זאלב — שווארצע און געלע — און א 10—12 שווארצע פלאסטערס.

— וואָס טוט מען מיט ד ע ם? — פרעגט פרווזדאק, און לעגט זיך אויפ׳ן בעט מיט׳ן בויך אראָפּ.

— וואָס זאָל מען טון? — זאָג איך און לעג זיך אויפ׳ן בעט פון יסורים — עס הויבט מיך אָן נעמען אינווענינג...

— טו זיך אויס — זאָג איך — וועל איך דיך איינרייבען!

פרווזדאק האָט זיך אויסגעטון, ווי די מאמע האָט איהם געהאט, און איך האָב איהם גענומען באארבייטען מיט דער שווארצער זאלב. דאן האָט ער אויף מיר געמאכט דיזעלבע אָפּעראציע מיט דער געלער זאלב, און נאָכדעם ווי מיר האָבען זיך געגענזייטיג אויסגעפלאסטערט די בייכער מיט די סעמפעל־פלאסטערס, האָבען מיר זיך אריינגעלעגט אין בעט אריין.

אין א פערטעל שעה ארום איז דאָס גאנצע טענע־

קעס, פלעשלעך, סלאָיעקלעך, פלאַסטערס — א רעגעלע אפטייק.

מיין פּרוזראק איז ניט קיין פוילער, ער צופּאַקט דאָס אלעס ווי געהעריג איז, לעזט איבער די צעטלעך און צו־שטעלט דאָס אויפ'ן טישעל מיט א סדר: פלעשלעך צו פלעשלעך, סלאָיעקלעך צו סלאָיעקלעך — און יערע קראנקהייט באזונדער: מאָגען־קראַנקהייט — הינטען, מערידען — פאָרענט, ווייבערשע קראנקהייטען — רעכטס, אויערען, האַרץ און לעבער — לינקס א. אז. וו. בקיצור, אלעס איז געוועזן צושטעלט אין דער בעסטער אָרדנונג, כמעט ווי אין אן אפטייק, נאָר קיין קונים זענען ניט געקומען.

— שלעכט!

— פּאַסקודנע!

— ווייסטו, וואָס מיר איז שוין ווידער איינגעפאַ־לען? — מאכט פרוזראק.

— וואָס? — פרעג איך.

— אזוי ווי קיין קאָסטימערס קומען נישט און אזוי ווי די ווארע קען נאָך קאליע ווערען פון דעם הייסען וועטער, זאָלען מיר דאָס אליין פארנוצען פאר זיך.

— אָבער וואָס טויג מיר דיינע מעדיצין — זאָג איך — מיר פאָלט ארוים דאָס האַרץ נאָך א שטיקעל ברויט. איך בין טויט־הונגעריג.

— איך שטארב אויך נאָך א ביסען — מאכט ער — אָבער מיט עטליכע שאכטלען פילען קען מען אָפּ'פטר'ען א גאנץ פיינעם מאָלצייט.

האָבען מיר גענומען שלינגען פילען. איך א פיל — ער א פיל. אזוי פאמעליכען האָבען מיר אויסגעשלונגען אלע זעקס שאכטלען פילען — מייסטענס פאר פארשטאָ־פּונג.

— און איצט — זאָג איך — לאָמיר עפּעס פארטרינ־קען. ער האָט גענומען דאָס ערשטע פלעשעל, וואָס איז

אבי זיך צו דערשלאָגנען צו אזא רזשאַב, ביי וועלכען מען זאָל ניט דאַרפען ארביימען, האָט זיך עס אונז דאָך נישט איינגעגעבען.

איינמאָל זיצען מיר אזוי אין אונזער רומקע, רופט זיך צו מיר אָפּ פּרוזדאַק:

— ווייסטו וואָס מיר איז איינגעפאלען, עליע?

— וואָס איז דיר איינגעפאלען, פּרוזדאַק?

— מיר איז איינגעפאלען, עליע, אז מיר זאָלען האַנד־לען מיט פּעטענט־מעדיצינס.

— ס'איז גאָר ניט קרום! — זאָג איך — אָבער וואו נעמט מען געלט!

— געלט? — זאָגט ער — מען דאַרף ניט קיין געלט!

— דאָס איז שוין גלאַט געפּאַנפּעט — זאָג איך — וואָס הייסט, מען דאַרף ניט קיין געלד?

— אזוי הייסט עס! — זאָגט ער, און ער צולעגט מיר דעם גאַנצען פּלאַן אויפ'ן טעלער — כהיות — זאָגט ער — אזוי ווי אין די צייטונגען איז אָפּט אדוועטייזט, אז מען גיט אוועק „סעמפּעלס מעדיציננס" פריי, בכן — זאָגט ער — וועלען מיר אָנקלייבען א סך אזעלכע מעדיצינען, און דערנאָך וועלען מיר זיי פאַרקויפען צו קאָסטימערס, און מאַכען געלט ווי בלאָטע.

געפעלט מיר דער פּלאַן און מיר גיבען זיך די הענט, אַז דאָס געשעפט וועט געהן בשותפות, און וויפיעל נאָט וועט צושיקען, וועלען מיר זיך טיילען העלפט אויף העלפט.

— לאָמיר זיך טאָקע באלד א נעם טון צו דער אר־בייט — מאַכט מיין פּרוזדאַק, און מיר זעצען זיך גלייך אוועק און צעשרייבען עטליכע הונדערט פּאָסטעל־קאַרדס פאר פרייע סעמפּעלס.

אין עטליכע טעג ארום האָט די פּאָסט אָנגעהויבען ליי־פערען די סחורה: שמירעכצער, וואסערלעך, פּאָמאַדעס, פּילען — קליינע, מיטעלע און גרויסע קאָפּסעלען, פּראָש־

# אויפגעגעסען אַ ביזנעס

**אַ מעשה ווי אַזוי צוויי יונגע לייט האָבען אויפגעגעסען אַ געשעפט אין צוויי שעה.**

מיינער אַ באַקאַנטער דערצעהלט:

מיט פּרוזדאַק'ען האָב איך אַמאָל געאַרבייט צוזאַמען ביי אַ פאַטאַגראַפּטשיק. איך האָב זיך געפיהלט זעהר נאָהענט צו איהם, ווארים ער איז געווען זעהר עהנליך צו מיר סיי אין אויסזעהן, סיי אין כאַראַקטער: ער — אַ הויכער, איך — אַ הויכער. ער האָט געהאַסט דעם באָס, ווי אַ חזיר, — איך אויך. ער האָט פיינט געהאַט צו אַר־ בייטען, איך האָב אויך ליעב געהאַט אַרומצוגעהן לעדיג. ער איז געווען אַ גרויסער ליעבהאָבער פון דער נאַטור, און איך בין פון דער נאַטור אויך געווען אַ גרויסער ליעב־ האָבער. ער פלעגט רעגעלמעסיג באַוואונדערען די מיטען־ נאַכט־זון אויף די „פּיאָרדען", וואָס ער האָט קיינמאָל ניט געזעהען, און איך פלעג אויך סיסטעמאַטיש זיין ענטציקט פון דעם זונען־אונטערגאַנג אויף די אַלפּען, וואָס איך האָב אויך קיינמאָל נים געזעהען.

נאָר אין איין זאַך האָבען מיר זיך שטאַרק אונטער־ שיידעט: ער פלעגט אָפּט אונטערהוסטען מיט אַ ניגון און מיט אַ כריפּ, און איך האָב עטליכע מאָל געפּרובט הוסטען, אָבער אָהן ערפאָלג.

עס איבריג צו זאָגען, אַז אונטער דער היינטיגער סיסטעמע איז פאַר אַזעלכע צוויי אידעאַליסטען, ווי מיר ביידע, שווער געווען צו עקזיסטירען. און טראָץ דעם וואָס מיר זענען געווען ווייניג אַרומצוגעהן לעדיג אפילו אַ יאָהר,

דעם נייסטען ס ו ק ס ע ס־קראַנץ, וואָס איז געשטאַנען אין פענסטער און ארויסגעגליהט אין דרויסען ארוים מיט א הויך־רויטען „סוקסעס!“, און האָט באמערקט מיט א זיפץ, וואָס איז שוין געווען אלט עטליכע וואָכען:

— אָט דער „סוקסעס“ האָט מיך דער'הרג'עט! ווען נישט די עטליכע צעהנדליג דאָלאר וואָס איך האָב אויס־געגעבען אויף צו ווינשען זיך ס ו ק ס ע ס וואָלט איך גע־ווען געקענט אָנהאלטען נאָך עטליכע חדשים. אפשר וואָלט עס זיך געווען אָנגעהויבען באצאָהלען. אָבער דער אונגעהויערער „סוקסעס“ האָט מיך אוועקגע'הרג'עט, דעם לעצטען גראָשען האָב איך אוועקגעגעבען אויף צו ווינשען זיך ס ו ק ס ע ס און איצט בין איך רואינירט אויף אייביג, אויף אייביג...

— — — — — — — — — — — — — — — —

און אריבערגעבויגען איבער דעם פערצעהנדאָלערדיגען בלומענקראנץ איז וועווע געשטאַנען ביים פענסטער פון זיין דעליקאטעסען־געשעפטעל און גרויסע האָנעל־טרערען זענען געפאלען פון זיינע אויגען און פייכט געמאכט די ווערטער „סוקסעס“, וועלכע האָבען פון איהם געלאכט מיט א רויט בלומען־געלעכטער...

אָבער די קונדרען זענען נאָך אַלץ נישט געקומען עסען וועווע'ם דעליקאַטעסען. און די וואָכען זענען אַוועק איינס נאָך ס'אַנדערע אין אַ גלייכער שורה, אַזוי ווי זעל־נער. די וואָך וואָס איז געקומען פריהער איז אַוועק פריהער, און די וואָס איז געקומען שפּעטער איז אַוועק שפּעטער.

אָבער וועוועל האָט נישט געלייזט, ער האָט נישט געקענט לייזען, ווייל עס איז נישט געווען פון וועמען, ווייל קיינער איז נישט געקומען, ווייל די געגענד איז געווען אַן אַנטי־דעליקאַטעסען־געגענד, ווייל וועוועל איז בכלל געווען אַ שלעכטער געשעפטסמאַן. דאָס ביסעל געלט וואָס ער האָט געלייזט איז ביסלעכווייז אַוועק אויף קראַנצען. כמעט אַלע וואָך האָט וועוועל אַרויסגע־שטעלט אַ נייעם קראַנץ, זיך ווינשענדיג אַ פרישען סוק־סעס. דאָס גאַנצע ביסעל לייזונג איז אַוועק אויף צו ווינ־שען זיך סוקסעס.

— וואָס טוט מען? — האָט וועוועל געזאָגט צו זיין אָפּגעשפּיגעלט ווייב, (דאָס קוקען אין שפּיגעל אַריין איז שוין ביי איהם געוואָרען אַ שטענדיגע טבע. און זיין ווייב האָט פאַר איהם בלויז עקזיסטירט אין שפּיגעל!)

— ס'איז שלעכט! — האָט צוגעגעבען ס'ווייב.

— שלעכט צו שלעכט איז ניט גלייך! — האָט גע־זיפצט וועוועל. — ס'איז ביטער ווי גאַל...

— און דער קאָלעקטאָר וועט באַלד קומען נאָך רענט.

— און דער מאַן פון די לאָקס איז אויך מחויב אָנ־צוקומען...

— און דער מאַן פון די פּיקעלס...

— און פונ'ם זענעפט...

— און פון דער פאַסטראַמע!

אַזוי־אָ זענען מאַן־און־ווייב צווישען זיך דורכגעגאַנ־גען ס'גאַנצע צעטעל מיט חובות, און וועוועל, דער גרויסער דעליקאַטעסען־געשעפטסמאַן, וועלכער האָט זיך געהאַל־טען אין איין ווינשען סוקסעס, האָט אַ קוק געטון אויף

א טאָג איז אוועק און צוויי און דריי און וועוועס האָט גאָרנישט געלייזט. אלצדינג איז געווען גוט און פיין און וואויל, נאָר געלייזט האָט מען נישט, ווייל עס איז גיט געווען פון װ ו ע מ ע ן צו לייזען, ווייל עס זיינען נישט געקומען קיינע קונדען — כאָטש דאָס וואָרט „סוקסעס!" האָט ארויסגעשריען דורכ'ן פענסטער מיט א רויט געשריי.

אויפ'ן פינפטען טאָג האָט וועוועס געקוקט אין שפּיגעל און געזעהן ווי ער טראָגט א פּארטוך, וואָס זעהט אויס ווי אן אלטע לעגענדע פון אמאָל־געוועזענער ווייסקייט, און ווי די אויגען זיינען ביי איהם אזוינע טרוירינע, פארוואָל־קענטע.

— ביטער! — האָט ער א זאָג געטון צום אָפּגעשפּי־געלטען ווייב, וועלכע איז געשטאנען און געוואכט אי־בער'ן טאָפּ מיט זענעפט. — ביטער! מ'זעהט נישט קיין קאָסטימער.

— נישט גוט! — האָט צוגעגעבען דאָס ווייב פונ'ם שפּיגעל...

— און דער „סוקסעס!" איז שוין פארטריקענט! — באמערקט וועוועס — און די ווערטער זיינען שוין אביסעל פארשמויבט און אָפּגעקראָכען פון דער זון, מאכט ער, און מ'דארף שוין, מאכט ער, האָבען א נייעם „סוקסעס". ס'איז נישט שעהן פאר די קאָסטימער צו לאָזען שטעהן אין פענסטער אזא אלטען סוקסעס...

— דארף מען קויפען א נייעם „סוקסעס" — האָט געזאָגט דאָס אומעטיגע ווייבעל, וואָס האָט ארויסגע־גלאנצט פונ'ם שפּיגעל אין איהר פולער פארשלאָפענקייט.

— דארף מען טאקע באלד אוועקגעהן און קויפען א נייעם סוקסעס־קראנץ! — האָט געזאָגט וועוועס און ער האָט א טיעף־טיעפען קרעכץ געטון...

אין א פּאָר שעה ארום איז אין פענסטער פון דעם דעליקאטעסען־געוועלבעל פון וועוועס ריבעל געשטאנען א פרישע בלומען־פּאָדקאָווע מיט דער רויט־בלומינער אויפ־שריפט: „סוקסעס!".

געזאָגט וועווע צו זיין וועוויכע — און דאָס געוועלבעל, מאַכט ער, שפּיגעלט. מ׳קען זיך דערין אָנשפּיגלען. איצט מאַכט ער, ווען עס זאָלען נאָך זיין אַ סך קאָסטימער, וועט זיין אָלרייט.

— כ׳מיין אויך אזוי, וועווע — ענטפערט ס׳ווייב. — זאָל איך איבערשטעלען דעם זענעפט?

— שטעל נישט איבער דעם זענעפט! לאָז איהם שטעהן וואו ער שטעהט. ריהר איהם נישט אָן! טשעפּע איהם נישט!

— אָלרייט. שריי נישט אזוי, וועווע.

— איך שריי נישט. איך זאָג בלויז, זאָלסט נישט טשעפּען דעם זענעפט. אוועקגעשטעלט דעם זענעפט, טאָ לאָז שטעהן דעם זענעפט. מ׳דארף זיך נישט ארומוואר־פען מיט׳ן זענעפט.

— איך ווארף זיך נישט ארום מיט׳ן זענעפט.

— אודאי ווארפסטו זיך נישט ארום מיט׳ן זענעפט. נאָר ׳טאָסטו מיר ערשט אַ זאָג געטון, אז דו ווילסט אי־בערשטעלען דעם זענעפט... קענסט הפנים נישט ליידען, אז דער זענעפט שטעהט אויף אָן אָרט, קענסטו נישט ליידען!

נערעדט האָט וועווע נישט דירעקט צום ווייב, נאָר צום שפּיגעל. פּונקט ווי אַ „בארבער" רעדט צום קונה. און בשעת מעשה האָט ער דאָרט דערזעהן אָן אָפּשפּיגלונג פון דעם ריזיגען בלומענקראַנץ, וואָס איז געשטאַנען אין פענסטער און וועלכער האָט געטראָגען די רויטע בלומען־אויפשריפט „סוקסעס!"

— אַ טייערער קראַנץ, ווי גאָלד! — האָט וועווע גע־טראַכט אין דעם שפּיגעל אריין, זיך גענלעט ס׳פּארטוך און געטראַכט, אז ער זעהט אוים ווי אָן אמת׳ער דעליקאַ־טעסענמאַן, וואָס איז שוין אין די דעליקאַטעסען־ביזנעס מכמה יאָהרען. — און דער אויפשריפט „סוקסעס!", האָט ער געטראַכט, איז זעהר גוט פאר די ביזנעס. די דעליקאַ־טעסען־ביזנעס „גלייכען", אז מ׳ווינשט זיי „סוקסעס".

ביי דער דאָזינער באַמערקונג איז ער אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר שריט אויף צוריק, אַריינגעבליקט אין זיך דאָס גאַנצע געוועלבעל און מיט זיין גליקליכער צוקונפט אין די אויגען איז ער געבליבן שטעהן ווי אַן אויפשטאַנד און האָט זיך פאַרטראַכט מיט אַ שטיל פאַרטראַכטונג.

זיין ווייב: וואָס׳טו זיך אַזוי פאַרטראַכט, וועוועע?

ער: איך האָב זיך פאַרטראַכט, אַז סע פעהלט נאָך עפּעס, אום די סטאָר זאָל זיין קאָמפּליט.

— וואָס אַ שטיינער, וועוועע?

— עס פעהלט אַ גליקוואונש.

— וואָס מיינסטו דערמיט צו זאָגען, וועוועע?

— איך מיין דערמיט צו זאָגען, אַז מיר דאַרפען אַרויסשטעלען אין פענסטער אַ בוקעט מיט בלומען און זיך ווינשען גליק אין אונזער געשעפט.

— און מיט אַן אויפשריפט „סוקסעס!“?

— מיט אַן אויפשריפט „סוקסעס!“

— און מיט בלויע סטענגעס?

— מיט בלויע סטענגעס.

— און וויפיעל דאַרף דאָס קאָסטען, וועוועע?

— אַ פופצעהן דאָלאַר.

— און דו מיינסט, אַז מען מוז דאָס האָבען, וועוועע?

— אוראי דאַרפנס האָבען! — האָט וועוועע אָפּגעכאַפּט אין דער גיך, שוין אביסעל אין כעס, וואָס זיין פרוי פאַרשטעהט נישט די נויטינקייטען פון אַ געשעפט, פון אַ דעליקאַטעסען געשעפט.

צו מאָרגענס איז געקומען אַ אינגעל פון׳ם בלומענמאַכער און געבראַכט צושלעפען אַ ריזיגען קראַנץ פאַר פערצעהן דאָלאַר אין דער פאָרם פון אַ פּאָדקאָווע, און אין מיטען פון דעמדאָזיגען קראַנץ איז געווען אויפגעשריבען אין אַ בלומענשפּראַך פון לייוועגטענע רויזען: „סוקסעס!“

— האָבען מיר שוין אַ גליקוואונש אויך! — האָט

# רואַינירט דורך סוקסעס

וועווע ריבעל, א מאַן פון א יאָהר — כ׳ווייס ? ! פון א יאָהר 45, לאָמיר זאָגען, האָט געעפענט א געשעפט פון וואורשט און דעליקאטעסען. דאָס געוועלבעל איז געווען א קליינס, אַן אָרימס, כמעט אזוי ווי וועווע. דער אונטערשיעד איז נאָר געווען, וואָס וועווע אליין איז געווען מעהר דעליקאט ווי זיינע דעליקאטעסען און א סך י ו נ ג ע ר...

פון דעם אלעמען וואָס מיר האָבען דאָ געזאָגט קען מען זיך לייכט פאָרשטעלען, אז וועווע ריבעל איז נישט קיין אויסגעטראכטע פיגור, נאָר א לעבעדיגער מענש. וואָרים ווען ער וואָלט זיין אויסגעטראכט, טאָ פון וואנען וואָלטען מיר געוואוסט, אז ער הייסט וועווע ? און ווי אזוי וואָלטען מיר געוואוסט, אז ער איז א נידריגער און אַן אויסגעבלייכטער ?

ווען וועווע ריבעל האָט געעפענט דאָס וואורשט־געשעפטעל מיט די פיינע זומערדיגע פליגען פון אויבען און מיט געשאַרפטע מעסערס, און מיט די גוטע אונערקעלעך, און מיט די גרויסע טעפּ זענעפט, און מיט אלצדינג, איז ער אפיר געגאנגען פון הינטער זיין פארטוך, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי די אויסגעפרעסטע אונשולד, אביסעל צוקנייטשט, און מיט קעשענעס איןביידע זייטען, און האָט גענומען באטראכטען זיין געשעפט, זיין נ י י געשעפט, זיין וואונדערבאר געשעפט. און אזוי ווי וועווע ריבעל האָט א חויז א געשעפט מיט זענעפט, אונערקעלעך און דעליקאטעסען, אויך געהאט א ווייב, האָט ער צו איהר א זאָג געטון:

— סע שפּינעלט !

— פּאַקט עס איין! — האָט געזאָגט די דאַמע — און שיקט עס מיר צו. אָט איז מיין אַדרעס...
און זי האָט באַצאָהלט די צוויי הונדערט טוהלער.

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

פון דעמאָלט אָן האָט דער גרויסער געשעפטסמאַן שוין מעהר נישט „געשניטען די פּרייזען“, וויל ער האָט אָנגעהויבען פאַרשטעהן, אז וואָס מעהר מען באַצאָהלט פאַר א זאַך, אלץ חשוב'ער איז זי, און אלץ מעהר האָט מען פון איהר הנאה.

און גענומען די שליסעל צו פארשליסען ס׳געוועלב.

— וואָס איילט איהר זיך אזוי ? — האָט געפרעגט די דאמע, אימפּאָנירט פון זיין שטאָלצען טאָן.

— כ׳האָב שוין היינט גענוג פארקויפט ! — האָט זעקעלבערג געזאָגט מיט א פארבאָרגען שמייכעלע.

די דאמע האָט נישט פארשטאנען.

— איהר מוט דאָ רייכע ביזנעס ! — האָט זי קאָמ־פּלימענטירט.

— גוואלדיג ! — האָט זעקעלבערג געענפערט. — נאָר מאכט עס שנעל, ווייל כ׳האָב נישט קיין צייט. כ׳האָב נישט קיין צייט !

— אנו, באווייזט, זייט אזוי גוט, אָט יענעם קאנאריק, וואָס הענגט אינ׳ם שטייגעל ?

— דאָס וועט אייך קאָסטען צוויי הונדערט טוהלער, נישט ווייניגער ! — האָט זעקעלבערג זיך געפוילט אראָפּ־צונעמען דאָס שטייגעל.

— כא־כא־כא ! — האָט די דאמע געלאכט. — איהר מיינט אז איהר שרעקט מיך איבער מיט דעם פּרייז ? ווייזט עס אהער !

ער האָט עס אראָפּגענומען פון דער וואנט.

— וויפיעל, זאָגט איהר, קאָסט עס ?

— צוויי הונדערט טוה־לער !

— נישט ווייניגער ?

— נישט ווייניגער.

— איהר האָט נישט קיין אנדערס

— ניין. דאָס איז דאָס לעצטע וואָס איך האָב. זיי געהען ווי מצה־וואסער...

די דאמע האָט אביסעל געצענערט, געקוקט אויפ׳ן פייגעלע און געפרעגט :

— ס׳איז טאקע אזא זעלטען אנטיקעל ?

— א זעלטענהייט ! — האָט זעקעלבערג געזאָגט און זיך ענטשולדיגט דערפאר וואָס ער האָט א גענעץ געטון.

פריהעריגע געשעפטען — האָט ער געטראַכט — האָט מען אויך דערלייגט געלט, אָבער דאָרט האָט מען כאָטש געלייזט. דאָ אָבער לייזט מען גאָרנישט. ס'איז מסתם דערפאַר — האָט ער באַשלאָסן — ווייל איך רעכען צו טייער."

און זעקעלבערג האָט גענומען שניידן די פּרייזן — אויף אַ העלפט, אויף אַ פערטעל דערפון, וואָס עס האָט איהם אליין געקאָסט. ער איז אויך ביסלעכווייז געוואָהר־געוואָרען, אַז קליינע שוים־הינטלעך זיינען טייערער ווי גרויסע גאַסענהינט, און אַז די שוואַכע קאַנאַריקעס זיינען חשוב'ער ווי געזונטע שפּאַרבערס. ער האָט אריינגענומען אַ גאַנצען „אויסוואהל" פון מאָדערנע סחורה און איז געווען מרוצה זיי צו פאַרקויפען פאַר יעדען פּרייז — אבי מ'זאָל קומען און קויפען און די ביזנעס זאָל זיך איינשטעלען. אָבער אַזוי ווי פויגעל און הינט זיינען אַ לוקסוס־זאַך און מ'האָט נאָר הנאה פון זיי, ווען זיי קאָסטען זעהר טייער, איז דאַריבער — וואָס מעהר זעקעלבערג האָט „געשניטען די פּרייזען", אַלץ ווענינער האָט ער פאַרקויפט. איז געקומען אַזוי ווייט, אַז דער גרויסער געשעפטסמאַן איז געוואָרען שטאַרק פאַרביטערט, האָט געשפּינען קלעק אויף די גאַנצע פויגעל־ביזנעס און באַשלאָסען, אַז ער וועט צושליסען דאָס געשעפט און ארויסגעהן נקי, ווי די מאַמע האָט איהם געהאַט — אָהן אַ פעני געלט. זאָלען די קרעדיטאָרען עס פאַרקויפען אין „אָקשען"! לאָז עס ברענען מיט אַ פייער! אבי ער זאָל ארוים דערפון אַ לעבעדיגער... איידער סע פּלאַצט אין איהם די גאָל פון פאַרדרוס.

און ווי ער איז אַזוי געשטאַנען און געטראַכט זיינע פאַרצווייפעלטע מחשבות, האָט זיך אָן עפען געטון די טיר און ס'איז אריינגעקומען אַן עלטערע פרוי, זעהר רייך אָנגעטון און געפרעגט צי ער האָט אַ שווייצאַריש קאַנאַריקעל מיט רויטע שטרייפלעך אויפ'ן האַלז.

— נישטאָ! — האָט זעקעלבערג געענטפערט קורץ

וואָס זיינען געווען אויסגעשטעלט אין זעקעלבערג'ס געשעפט.

א פרוי איז אריינגעקומען און געפרעגט:

— האָט איהר א שעהן קאנאריקעל?

— מיר האַלטען נישט קיין קאנאריקעס! — האָט געזאגט דער גרויסער געשעפטסמאן. — קאנאריקלעך זיינען צו שוואך... מיר האלטען שפּארבערס, האלטען מיר... זיי זיינען א סך דויערהאַפטער... און זיי זינגען העכער... בלויז 65 סענט א שטיק; דריי פאר $1.85.

— אפשר האָט איהר א קליין פודעל־הינטעלע, א ווייס?

— האָט די דאמע געפרעגט.

— מיר האַלטען נישט דאָס דרויב! — האָט זעקעלבערג אנגעהאַנגען די גראָבע פינגער פון די הענט אויף די שלייקעס. — מיר האַלטען אמת'ע הינט... איהר זעהט אָט־יענעם הונט? — האָט ער געוויזען אויף א הינטישען שמענדריק, וואָס איז געשטאַנען אין פענסטער מיט א פארבלוטיגט אויער. — איך'ל איהם אייך פארקויפען פאר 3 טוהלער מיט 66 סענט... מיט 15 סענט... פאר 3 טוהלער... פאר א טוהלער פינף־און־אכציג... פאר א טוהלער מיט א קוואָדער, בעפאר דער אנדערער הונט בייסט איהם אב ס'אויער... פאר 98 סענט... פאר 35... בעפאר ער גריזשעט איהם אוים ס'אויג...

די דאמע האָט איהם אָנגעקוקט ווי משוגע.

— קויפט עטליכע וועווריקלעך בילינ! — האָט ער נישט פארשטאַנען פארוואָס זיין סחורה גע הט נישט.

— איך'ל אייך פארקויפען צוויי טוץ וועווריקלעך פאר אכט טוהלער... ס'איז אפשר צו טייער?

— ניין! האָט געזאָגט די קויפערין און א שמייכעל געטון. — ס'איז אדרבא זעהר בילינ. גוד־באי!

ווען די מאמע איז אוועקגעגאנגען איז דער גרויסער געשעפטסמאן געבליבען שטעהן פארטראכט און געקלערט, אז ער איז א ר י י נ ג ע פ א ל ע ן, „אין די

רופטען פון זיין קיך, האָט ער זיך אָפּגעפּוצט ס׳שפּאַציר שטעקעלע און איז אַרויס אין דרויסען, אַ קוק טון וואָס סע הערט זיך.

אַז ער איז אָפּגעגאַנגען עטליכע גאַסען, איז ער פּלוצים צוגעקומען צו׳ן אַ געוועלב וואו מען פאַרקויפט פויגעל, קעץ, הינט, און אַנדערע חיות. „אָט דאָס איז אַ געשעפט פאַר מיר!" האָט ער אַ טראַכט געטון מיט׳ן גאַנצען מח, „אָט דאָס איז אַ געשעפט וואָס עס זיך דרעהען" — האָט ער ווייטער געטראַכט און געקוקט אויף דעם וועוועריק וואָס האָט זיך געדרעהט אין דעם שטייג מיט אַן אומגעהויערער שנעלקייט. „איך וועל אַרונטערלאָזען פון פּרייז", האָט ער געפיהרט זיין פּלאַן אין געדאַנק: „איך וועל געבען שטאַרקערע פויגעל און מיט אַנדערהאַלבען טוהלער ביליגער ווי אַן אַנדערער. און איך וועל געבען דער־וואַקסענע הינט, נישט קיין צוציקלעך, וועט מען ביי מיר ניכער קויפען ווי ביי אַן אַנדערען".

אין עטליכע טעג אַרום איז דער גרויסער געשעפטסמאַן אַריין אין די פויגעל־ביזנעס. ער האָט אָפּגעקויפט די גרעס־סטע, די בייסענדיגסטע, די האָוקענדיגסטע הינט און זיי אויסגעשטעלט אין פענסטער. זיי האָבען דאָרט אויפגע־הויבען אַזאַ גוואַלד, אַזאַ הימעל־געשריי, אַז אַלע מענשען האָבען זיך אָפּגעשטעלט קוקען.

זעקעלבערג אַליין איז געשטאַנען ביי דער טיר און גערופען:

— קומט אַריין, קומט אַריין! מיר האָבען די גרעסטע הינט אין דער וועלט! און די שטאַרקסטע פויגעל... אַלע אַנדערע פויגעל־סוחרים, האָט ער געשריגען, פאַרקויפען פיצעלעך מייזעלעך, צי צוויי טוהלער אַ שטיק, מיר פאַר־קויפען ראַצען ווי די קעלבער — פאַר בלויז 49 סענט. קומט אַריין!

באַלד איז געשטאַנען לעבען פענסטער אַ געזעמעל מיט מענשען און געקוקט אויף די מערקווירדיגע הויז־חיות,

צוליעב דעם פארשמאָדערטען ביסעל ריוח זאָל איך צוטאַ־
כען ס'געשעפט?..

— מען דערלייגט דאָך אָבער געלט פון טאַש...

— נו, מאכט ער, וואָס איז אַזוינס דער אומגליק?..
האָבען מיר, מאכט ער, אין אונזער גראָסערי אויך פאַר־
לאָרען געלט! און פונדעסטוועגען האָב איך נישט קיין
חרטה — ווייל איך האָב זיך אויסגעלערענט גרינטליך צו
פארשטעהן די גראָסערי־ביזנעס...

— פאַר וואָס־זשע האָסטו נישט געעפענט צוריק אַ
גראָסערי? — מאכט דאָס ווייב צו איהם.

— וואָס טויג מיר ווידער אַ גראָסערי? — צעלאַכט
ער זיך — איך האָב וועניג דערלעגט דעם קאָפּ ביי
יענער גראָסערי?...

— טאָ וואָס־זשע זאָגסטו?

— איך זאָג גלאַט אַז סע שאַדט נישט, אַז מ'האָט
נאָך אַ ביזנעס אין די הענט.

— און וואָס וועט זיין מיט'ן רעסטאָראַן, שלמה?

— מיר'ן האַלטען אַזוי לאַנג, ביז איכ'ל מיך אויסלער־
נען דאָס פאַך, דערנאָכדעם וועלען מיר ארויסגעהן פון די
ביזנעס...

— קען מען דאָך איצט ארויסגעהן פון די ביזנעס
און אָפּראַטעווען עטליכע הונדערט טוהלער!...

— איצט איז נאָך צו פריה ארויסצוגעהן, ווייל
מיר האָבען נאָך נישט גענוג „עקספּיריענס" אין די ביז־
נעס...

אין עטליכע חדשים ארום איז שלמה זעקעלבערג ארויס
פון דעם רעסטאָראַן: קראַנק, אויסגעמאַטערט, אהן געלט,
און מיט אַ מאַסע „עקספּיריענס".

מיר זענען נישט מחויב צו וויסען וואו ער האָט
ווייטער גענומען געלט. מיר ווייסען נאָר, אַז באַלד
ווי ער האָט נאָר ארונטערגעשלאָפּען פון זיך דעם רעסטאָ־
ראַן, און אביסעל אויסגערוהט די נאָז פון די אויסטערלישע

זאל זיך קענען צופיהרען די הענט. ווי א גרויסער גע־שעפטסמאן.

איז איהם איינגעפאלען צו עפענען — א רעסטאָראַן.

וואו האָט ער גענומען געלט? פון וועלכע געהיימע קוועלען? — דאָס זיינען מיר נישט מחויב צו וויסען. מיר ווייסען נאָר, אז באַלד ווי ער האָט געעפענט דעם רעסטאָ־ראן, האָט ער גענומען ש נ י י ד ע ן די פרייזען צום ביין. און דאָס וואָס ער האָט נים ד ע ר ש נ י ט ע ן, האָט ער גלאָט אזוי פאר'מציאה־גדולה'ט, דורך גרעסערע פּאָרציעס עסען, דורך רייכע מארכביינער, און דורך עקסטרא גלעזער טיי.

עס האָט זיך אָנגעהויבען א געלאַף, א „ביזי". עס האָט געביזעט טאָג־און־נאכט: טעלער האָבען געקלונגען, גאָפּ־לען זיינען געפאלען פון די הענט, מארכביינער האָבען גע־קנאַקט, און איבער אלעמען האָט זיך געטראָגען דער שטאָלצער נביא־באפעהל פון שלמה זעקעלבערג:

— איינמאל לונגענגולאש! — געווערמיין דעם לונגענגולאש! צוויי מאל ערבסענזופּ — איינמאל מאגער!

— און איבער דעם דאָזיגען געזאנג האָט זיך געטראָגען דער פעטגעפרעגעלטער דופט פון דער קיך און א רויהער, נאָך נישט־אויסגעגליטענער קאָפּ־וועהטאָג...

אין עטליכע וואָכען ארום האָט די פרוי פון דעם גרוי־סען געשעפטסמאן זיך אָנגערופען צו איהר מאן:

— גוואלד! מיר דערליינען דאָך געלט!

— נו, וואָרען? — האָט זעקעלבערג — צענישטינגט די גאנצע זאך — וואָרען, מ'עט נ י ש ט דערליינען קיין געלד? דארויף איז עס דאָך א געשעפט... דער עיקר איז, האָט ער געזאָגט, וואָס דאָס געשעפט ג ע ה ט און סע ענטוויקעלט זיך...

— צו וואָס איז מיר דיין ענטוויקלעניש אז ס'איז נישטאָ קיין ריוח? — מאכט צו איהם דאָס ווייב.

— וואָס־זשע וואָלסטו געוואָלט? — מאכט ע ר, אז

# דער גרויסער געשעפטסמאַן

צוערשט האָט ער געהאַלטען אַ שפּייז־קראָם און פאַר־קויפט אונטער'ן פּרייז. דער עיקר איז ביי איהם געווען מען זאָל זיך טומלען און ס'זאָל זיין „ביזי". ער איז געווען „ביזי". פאַרביזעט, ביזנעסדיג. דאָס געשעפט האָט אָהן עין־הרע געבליהט, געוואַקסען. און וואָס מעהר עס האָט גע־בליהט און געוואַקסען, אַלץ מעהר איז מען פאַרשוואַרצט געוואָרען. און וואָס מעהר מען איז פאַרשוואַרצט געוואָרען, אַלץ מעהר האָט מען דערלעגט מזומן געלט, און אַלץ מעהר האָט צו איהם דאָס ווייב גע'טענה'ט, ער זאָל אויפגעבען דאָס געשעפט. אָבער ער האָט זיך געהאַלטען ביי זיינס: אז מ'עט זיך „איינטרייען", און אז דער עיקר איז, אַז מענשען זאָלען זעהן אז דאָס געשעפט בליהט, אז עס איז אַ גרויסער מאָראַלישער ערפאָלג.

אין עטליכע חדשים ארום האָט דאָס געשעפט געהאַט אָפּגעבליהט, ווי אַ שעהנע בלום. די פרוכט וואָס איז ארויס פון דער דאָזיגער „בליהונג" איז געווען אַ בלאָסע. אַ מאָ־נערע. זי האָט געהייסען מיט דעם וואונדערבארען נאָמען: שלמה זעקעלבערג.

אז דער נעמליכער זעקעלבערג איז אביסעל געקומען צו זיך פון דעם „מאָראַלישען ערפאָלג", וואָס ער האָט געהאַט אין זיין שפּייז־קרעמעל, האָט ער זיך גענומען באַווייזען אין גאַס און ער האָט זיך גע'חידוש'ט, וואָס די זון געהט נאָך אַלץ אויף, און וואָס די לופט שמעקט נישט פון נאַפט און פון קאַרטאָפליעס. אין דערזעלבער צייט האָט ער גענומען טראַכטען פון עפּעס אַ ניי געשעפטעל, אין וועלכען מען

הויפּט גאָרנישט געערדט. איך בין מיט זיי געווען ברוגז. און ניט נאָר גלאַט ברוגז — נאָר טאַקע מיט אַ מין רוגזה, וואָס האָט זיך געגרעניצט מיט סיפּען, אונענדליכען האַס. איך האָב זיי באַהאַנדעלט ווי שונאים — געהוקעט אויף זיי, געשריען אַלע ווײַלע צו מײַן פרוי, אַז זי זאָל האַלטען אָן אויג אויף די קאַסטימער, וואָרים מען שטעלט מיך בדלות — שטעלט מען מיך. ביי אַנדערע געלעגנהייטען, פלעג איך באַמערקען צו מײַן פרוי, אַז די מענדזשין־סטרימער ווייבער האָבען זיך געמענגט אַנצינדען ווי אַ פייער, איידער איך האָב זיי דערקאַנט... און אַז אויב נאָך וועט מיך אַמאָל אויפריכטען און איך וועל פּטור ווערען פון די „חזיר׳שע" גראָסערי־ביזנעס, וועל איך איהם אודאי אָפּגעבען אַ שבח אַלע מינוט און אַלע רגע...

... אַ חוץ דעם שרייען און דעם גוואַלדעווען, וואָס מיר ביידע — איך און מײַן פרוי — האָבען געשריען און איצט גוואַלדעוועט אויף די קאַסטימערקעס, און אַ חוץ די באַליידיגונגען, מיט וועלכע מיר האָבען זיי באַליידיגט, האָבען מיר אויך אָנגעהויבען אַריינגעהמען די ערגסטע סאָרטען וואַרע. די זעקלעך מיט שפּייז האָבען מיר איצט אויפגעדעקט און פריי געמאַכט פאַר די מייז, קאַקרוטשעס און אַנדערע הויז־טיערע. אין דער בלעכענער קאַן מיט וואַסער, וואָס איז געשטאַנען לעבען טיר, אַרומגעליינט מיט אייז, האָבען מיר פון צייט צו צייט אַריינגעקאַפּעט — מיט אַן אויל־קענדיל — אַ פּאָר טראָפּען מילך, גלאַט אַזוי, פון שעהנקייט ווענען... די פּוטער פלעגען מיר צו־קאָלכען מיט צינקזאַלב... דעם לאָקס פלעגען מיר אַלע טאָג באַפאַרבען מיט רויטען טינט, און די גאַנצע סטאָר האָבען מיר געהאַלטען אַזוי שמוציג, ווי די „באָרדאָפּעל" און דער סטריט־קלינינג־דעפּאַרטמענט האָט נאָר ערלויבט...

... און אָט אַזוי האָבען מיר זיך אַרויסגעאַרבייט אויף אַ פיינעם נאָמען. און איצט — הלואי אָהן מײַן שאָדען אויף אייך געזאָגט געוואָרען — איצט האָבען מיר אַ האָל־סייל־גראָסערי. און מיר זשוויבען, קיין עין־הרע.

האָב איך זי אַנגענומען פאַר דער האַנט. זי צוגעפיהרט צו דער טיר, זי דערלאַנגט אַ זעץ ארויס און איהר נאָכגעשריען „קושנירקע!“ „שייטעלע גנב!“ אזוי אז גאַנץ מענדזשין סטריט זאָל הערען.

האָב איך דאָך געמיינט, אז זי וועט זיך געפינען באַליידיגט? — ווייס איך וואָס! אין א שעה ארום מיין אידענע איז ווידער דאָ. קומט אריין שטיל ווי א קאַטינקע, ווי אן אַפגעשטראָפטע, קויפט איין וואָס זי בעדאַרף, באַצאָהלט און נעהמט אוועק א צופרידענע, מיט א דאנקבארען שמייכעלע אויף די ליפען.

זעהענדיג אז מיין פרוי׳ס „פאליסי“ איז די ריכטיגע, האָב איך באשלאָסען אויסצופיהרען זי אין איהר פולער פראַכט און גלאַנץ. און דאריבער, אז עס האָט זיך באַלד באוויזען נאָך א יונגע פרוי׳קע מיט א מילך־קרוג אין האַנד, בין איך צוגעגאַנגען צו איהר מיט גרויסע שריט, ארויסגעריסען דעם „פיטשער“ פון האַנד, אָהן שום וואָרנונג, אריינגעפליוכעט א פאָר קענדלעך וויים־בלאָהע וואַסער, נעפרעגט מיט א בייזער: „וואָס נאָך“? עפעס אזוי ווי די פרוי׳קע וואָלט געגען מיר באַגאַנגען דאָס גרעסטע פארברעכען, דערמיט וואָס זי איז אריינגעקומען אין מיין סטאָר. דאַן האָב איך ביי איהר כמעט ארויסגעשלעפט פון האַנט דעם פאַפירענעם דאָלאַר וואָס זי האָט געהאַלטען גרייט צו באַצאָהלען, איהר צוגעווארפען מיט אַכט סענט רעשטע וועניגער ווי ס׳איז איהר געקומען... און דארביי האָב איך געמאַכט א באמערקונג, וועגען די מענדזשין־סטריטער ווייבער בכלל, און וועגען די יונגע ווייבלעך בפרט, וועלכע זענען גרויסע קושנירקעס, און סע וואָלט נאָר געוואָלט ביי יענעם ארויסנעהמען די נשמה — וואָלט עס נאָר געוואָלט...

די זעלבע פרויקע — לאָמיר אייך פאַר איין וועג זאָגען — איז דעם זעלבען טאָג צוריקגעקומען עטליכע מאָל און נאָך מיטגעבראַכט איהר נעקסט־דאָרינע...

...צו די נעקסטע קאָסטימער האָב איך שוין איבער־

טען זיי נעטון די גרעסטע טובה, מיט דעם ערלויבען זיי אריינצוקומען אין אונזער סטאָר.

אָט־אזוי־אָ. מיט די רייד!

זאָג איך: אָלריים. לאָמיר פּרובען... וואָס קענען מיר אָנוועהרען? אז סיי ווי סיי, זאָג איך, וועלען מיר ב״ה באַלד מוזען ארויס מיט'ן בייטשעל, אויב ס'וועט נאָך אזוי אָנהאַלטען אַ שטיקעל צייט.

אזוי מיט א געלעכטער!

..קיצור המעשה: איך און אונזער פרוי האָבען גענו־מען אויספיהרען אונזער נייעם „פּראָגראם“. ערשטענס האָבען מיר, כמעט ווי מיט די הענט אָפּגעווישט די שמייכלען פון אונזערע געזיכטער. אנשטאט דעם האָבען מיר ארויפגעצווינגען א בייזען אומעט. א מענשענפיינד־ליכקייט, און זויערקייט. באַלד האָט זיך באוויזען דער ערשטער קאָסטומער — דער ערשטער אויף וועמען מיר זאָלען אויספּרובירען אונזער ניי־ענטדעקטע טעאָריע. האָ־בען מיר איהם אויפגענומען מיט א געניץ, איך האָב זיך געקראַצט אונטער'ן אויער מיט'ן הענטיל פון'ם הילצער־נעם פּוטער־לעפיל, מיין פרוי האָט אויסגעקלאפּט מיינס אַן אַלטען קאפּעליוש איבער דעם פעסיל מיט מילך און בסך הכל זיינען מיר געווען פארנומען מיט זיך זעלבסט און זיך ניט אומגעקוקט אויף דער אירע:גע — גלייך ווי זי וואָלט געווען א גאַרנישט... א קאקרוטש... אַ הונט...

די קאָסטימערקע, זעהענדיג אַז מיר קוקען זיך אויף איהר ניט אום, האָט זיך חלילה ניט געפונען באַליידיגט. אדרבא, זי איז אליין צוגעגאנגען צו דעם פּולטער מיט זעמעל, זיי גוט אדורכגעקנאַטען מיט איהרע ברודיגע פינ־גער, אריינגעביסען אין אן עפּעלע — וואָס איז געלעגען נישט ווייט צווישען אנדערע עפּעל־חברים, און געמאכט די באַמערקונג:

„פע! חזיר'שע עפּעל!“ דאַן איז זי איינע אליין אוועק צו די טאָמייטאס, זיי ארומגעטאפּט און געמאכט די זעלבע באַמערקונג, וועגען זייער חזיר'שקייט. דאַן

איך זאָל וויסען, אַז דאָס וועט זיין מיין ד ע ר ק ו י ־ ל ע נ י ש — האָב איך נישט געוואוסט!

קיצור הדבר, עס נעהט אוועק א וואָך און צוויי און איך בעמערק, אז מיינע קאָסטימער הויבען אָן ווערען שיטערער... קומען אריין וואָס זעלטענער... און אז זיי קומען שוין אפילו יא אריין פיהלען זיי זיך עפּעס אזוי פרעמד... אזוי ניט־היימליך... אזוי — איך וויים אליין נישט וואָס!..

טראַכט איך: וואָס קען דאָ זיין? דוכט זיך ווארע האָב איך גוטע. בין דאָך עפּעס שוין ניט קיין גראָסערי־מאַן פון היינט אָן. געהאַלטען שוין ב"ה סטאָרס וואו ניו יאָרק האָט אַן עק, און אין פיינע נעגענדען, צווישען קריסטען, און אלע מאָל האָט זיך געפיהרט אז מיט מיין פיינער באהאנדלונג פלעג איך, וואָס א וואָך, צוציהען נייע קאָסטימער, און דאָ — איז פּונקט קאַפּויר! וואָס, טראַכט איך, קען דאָ זיין פאר אַן אונגליק?

רעד איך עס איבער מיט מיין פרוי — א קלוג ווייבעל און האָט אויף זיך א קאָפּ פון א מיניסטער! — רעד איך דאָס איבער מיט איהר און פרעג זי: וואו קען דאָ ליגען די צרה? דוכצעך, מיר טוען אלעס וואָס מיר קענען צו זיין פריינטליך און גוטמוטיג צו אונזערע קאָסטימער, און פונדעסטוועגען צערינט זיך ביסלעכווייז ס׳גאַנצע ביסעל מחיה!

זאָגט זי צו מיר: ווייסט וואָס איכ׳ל דיר זאָגען, שימעַ? (איך היים שימע) אנו, זאָג איך, לאָמיר אדרבא הערען, גיב, זאָג איך, א זאָג עפּעס א גוטע זאַך, עפּעס א ריכטיגע עצה. איכ׳ל דיר זאָגען, זאָגט זי, אז ווערליג נאָך מיין מיינונג און ווערליג איך האָב זיך צוגעקוקט זענען די מענדזשין־סטריטער קאָסטומער נישט געוועהנט צו אזא פריינטליכער באהאנדלונג. עס איז צו גוי׳איש, זאָגט זי, פאר זיי. און מיין עצה, זאָגט זי, איז דאריבער, אז מיר זאָלען, זאָגט זי, ווי מען זאָגט „איבערקעהרען ס׳טעפּיל“ און זיי נעהמען באהאנדלען מיט אזא מינע ווי מיר וואָל־

# צווייערליי מעטאַדען

...פון דער פריהערינער סטאָר וואָס איך האָב געהאַט אין א קריסטליכען געגענד בין איך געוועהנט געווען צו באהאנדלען א קאָסטומער פיין, אנשטענדיג, מיט א געוויסער מאָס רעספעקט און העפליכקייט. ווארים, לאָמיר זיך ניט נארען, ווער וועט עס — ביי גוים — געהן קויפען אין א סטאָר וואו מען באהאנדעלט איהם נישט מיט העפליכקייט?

האָב איך געמיינט, אז אויף דער איסט סייד איז אויך אזוי. וואָס זאָל איך וויסען? איך האָב קיינמאָל ניט געהאנדעלט מיט אידען.

...אז איך האָב אלזא אפגעקויפט די גראָסערי אין מענדזשין סטריט האָב איך אויפגעפיקסט א סטאָרקע, אז זי האָט געטאַנצט: ריין, ציכטיג, א מחיה אריינצוקומען. יעדער מין שפייז־קעסטעל פארדעקט פון מייז און אנדערע שרצים. די פאפירענע שקארמיצען פיין ארומגעהאנגען ארום דער שטאָנג איבער'ן „קאונטער". די „טעלער" פון די וואָנ־שאָלען אויסגעוואשען און אונטערגעליינט דיקע פאפיר. און איך אליין — קענסט דאָך מיר! — האָב זיך אָנגעטון די פינקענע פאפירענע מאנדזשעטען אויף די הענט, און דאָס יום טוב'דיגע ביזנעס־שמייכעלע אויפ'ן פנים, און איך ווארט אויף ש פ ע.

באלד הויבען אָן קומען די פרויען, באגרים איך יעדע מיט א פיין שמייכעלע. פרעג וואָס ווילען זיי. „אטענד" צו זיי שנעל, פארגעס נישט צו זאָגען יערעסמאָל „טהענקיו" און „מאַטשאָבליידזשט" און „קאָלל־עגעין" — פליעז" — ווי איך בין געוועהנט געוואָרען צווישען די גוים...

האט־טשאַקאַלאַטס... עלף... איין־און־דרייסיג... זעכצעהן... דריי־און־אכציג... רעכענט עס צונויף צוזאמען, מאכט ער, האָט איהר, אלזא, פארלוירען אין האט־טשאַקאַלאַטס 108 דאָלאר מיט עלף סענט...

— און וויפיעל האָב איך פארלוירען ביז היינט אין בלייפעדערס? — וויל איך שוין וויסען גענוי מיין טרויע־ריגע לאגע.

— בלייפעדערס... בלייפעדערס — מאכט ער, און זוכט מיט'ן אויג אויף זיין צעטיל — בלייפעדערס... שאַ! אָט האָבען מיר עס... בלייפעדערס פיער הונדערט און זי־בען דאָלאר מיט אכט סענט.

— און דאָס האָט איהר אליץ אויסגערעכענט זייענדיג א באָטאַנהאָלמייקער? — פרעג איך און וויש ארונטער א שמייכעל פון מיינע וואָנצעס.

— נעווערמיין וואָס איך בין א באָטאַנהאָלמייקער!

— געפינט ער זיך באלײדיגט פון מיין טאָן — איך רעד צו אייך, מאכט ער, ווי א מענש, און זאָג אייך אקוראט ווי איהר שטעהט מיט אייערע ביזנעס... און איהר מיינט, אז איך מאך זיך א שפילכעל... דער סוף, מאכט ער ועט זיין, אז איך וועל אויף אייך איינגאנצען א שפיי טון און זיך אויפהערען אינטערעסירען אין אייערע ביזנעס. אָט וואָס, מאכט ער, עס וועט זיין דער סוף!

מעהר איז ער שוין ניט געקומען, און אפשר איז ער יאָ געקומען, נאָר איך האָב איהם ניט געזעהן, ווייל אין א פּאָר חדשים ארום האָב איך די סטאָר פארקויפט פאר אזא הויכען פרייז ווי עלף טויזענד דאָלאר!

טבין אויף אלערליי ביזנעס ווי די גרעסטע בראקערס. אט אזא מענשיל, מאכט ער, בין איך מיר.

— איז, הייסט עס, גיט איהר מיר צייט ביז קריסט־מעס?

— יעס! — מאכט ער, קריסטמעס וועט איהר מוזען פארקויפען דעם סטאר פאר א שיבוש, אבי פטור ווערען פון א צרה, און ס'איז, זאגט ער, א שאד יעדע מינוט וואס איהר מוטשעט זיך דא אפ.

און ער געהט אוועק און איך זעה איהם ניט ביז קריסט־מעס.

קריסטמעס קומט ער ווידער צוגעהן, הייסט זיך גע־בען א „האט־משאקאלעד" פאר צוויי פענים, טרינקט עס אויס און מאכט צו מיר:

— ווייסט איהר, איך האב גערעכטען אויסגערעכענט צוזאמען מיט מיין פרוי, און ביז היינטיגען טאג האט איהר שוין באגראבען אין דער דאזינער סטארקע געגוויע 31 הונדערט דאלאר — א חוץ געז.

— ווי אזוי האט איהר דאס אויסגערעכענט, פרעג איך.

— אט זאגט ער איז דער חשבון! און ער ציהט ארויס א שטיק פאפיר מיט ציפערן — ביי מיר, מאכט ער, געהט דאס ניט גלאט אזוי. ביי מיר איז אלעס אויסגערעכענט, אויף דער פעני. וויפיעל מיינט איהר א שטיינער — ווענ־דעט ער זיך צו מיר — האט איהר ביז היינט פארלארען אין סיגארעטס אליין?

— אפשר הונדערט דאלאר! — וויל איך טרעפען.

— מעהר. א סך מעהר, פארזיכערט ער מיך. איהר האט ביז היינט, מאכט ער, פארלוירען אין סיגארעטלעך אליין, ניט ווענינער ווי 362 דאלאר מיט 14 סענט.

— און וויפיעל, פרעג איך, האב איך ביז היינט פאר־לוירען אין... האט־טשאקאלאטס?

—האט־טשאקאלאטס?... מאכט ער, און זוכט אויפ'ן צעטיל — וואו האבען מיר עס?.. הם... אט איז עס...

קע איבער אכט הונדערט דאָלאַר און אַז לענגער, מאַכט ער, ווי ביז קריסטמעס, אַז מען וועט דערלעבען, וועט איהר נים דערציהען, איהר'ם מוזען, מאַכט ער, „באַסמען".

— זאָרגט נים פאר מיר, ליעבער איד! — לאָך איך שוין פון איהם — איכ'ל שוין, זאָג איך, ווי עס איז דורכקומען. א חוץ דעם, זאָג איך, וואָס גערהט אייך אזוי אין לעבען צו איך וועל עקזיסטירען צו נים?

— אין לעבען? — מאַכט ער — עס גערהט מיר נים אין לעבען. עס ליגט מיר, מאַכט ער, אפילו נים אין דער לינקער פיאַטע, איך זאָג עס בלויז.

— דאָס איז זעהר שעהן פון אייער זייט! — זאָג איך — אָבער אפשר, זאָג איך, וואָלט איהר געקענט פאַרלענגערען דעם טערמין פון מיין סטאַרקיפערשער עקזיסטענץ כאָטש ביז פסח?

— וועל, זאָגט ער, און קוקט מיך אָן ערנסט ווי א מצבה, — איהר מיינט, אַז איך שפּאַס, אָבער איך שפּאַס נים. ביי מיר, זאָגט ער, אַז איך זאָג א וואָרט איז דאָס געזאָגט. איך בין נים, מאַכט ער, פון די אידען וואָס באַלאַקען גלאַט אין דער וועלט אריין.

— וואָס איז אייער מלאכה, אויב איך מעג פרעגען?

— איז מיר אינטערעסאנט צו וויסען דעם אידענ'ס באַשעפטיגונג.

— איך אליין, מאַכט ער בין א באַטאַנהאַל־מייקער ביי פענטץ...

— איהר האָט מסתמא אמאָל געהאַלטען א גרויסע קענדי סטאָר — פּרוב איך טרעפען, וואָס עס גיט איהם דאָס רעכט צו רעדען וועגען מיינע ביזנעס מיט אזא אויטאָריטעט.

— ניין, זאָגט ער, אין ביזנעס בין איך קיינמאָל נים געוועזען. נים אין קענדי ביזנעס און נים אין אנדערע. נאָר פונדעסטוועגען, מאַכט ער, און פּאַטשט זיך מיט דער האַנט אויפ'ן שניפּסעל, פונדעסטוועגען בין איך מעהר

און דערווייל האָט זיך דער סטאָר נעהאַלטען אין איין ארויפארבייטען. איך און מיין פרוי האָבען פשוט ניט נעהאט קיין הענט און מיר האָבען נעמוזט אריינגעמען א מענשען ער זאָל אונז ארויסהעלפען אין די ביזנעס. און וועגען מיין אידען האָב איך שוין גאָר נעהאט פארגעסען.

פלוצים פאלט ער אריין, געהענדיג פון דער ארבייט, הייסט זיך מאכען א גלעזעל „פליין", מיט א ביסעל היי־מישען סירופ דערצו — פאר א פעני, טרינקט זיך עס פאמעליכקע אויס, ראן לענט ער איבער ס'אויסגעטו־נענע רעקיל זיינס פון דעם רעכטען ארעם אויף דעם לינ־קען (ס'איז נעווען א הייסער טאָג!) און ער מאכט צו מיר:

— מיסטער, איך האָב אויסגערעכענט, אז איהר דער־לענט צו אייערע ביזנעס, וועגינסטענס פערצעהן און א האַלב דאלאר א וואָך. סאָ שאָר! איהר זעהט זיך דוקא, מאכט ער, אָן צו זיין א וואויל מענשיל. העכסטענס וואָס איהר קענט זיך נאָך דאָ מוטשען איז נאָך דריי חדשים — פארגרעסערט ער מיר שוין דעם טערמין — אָבער ס'איז נאָר אָן עבירה, מאכט ער, וואָס איהר מוטשעט זיך מיט דער סטאָרקע. ווייל, מאכט ער, ס'איז א „טויטע פראָפּאָזישען"...

און ער נעהט זיך אוועק.

אָבער טראָץ דעם אידענ'ס נביאות, טוט זיך דער סטאָר דערווייל זיינס — דאָס הייסט ער וואקסט אהן־עין־הרע. דער טרייד ווערט אלע מאָל גרעסער. מען באָט שוין פאר איהר זעקס טויזענד דאלאר און איך לאך זיך אויס דערפון. וואָס טויג מיר פארקויפען, אז איך ז ש ו י ב קיין עין־הרע.

אין א חודש ארום באווייזט זיך ווידער מיין איד, טרינקט ווידער אויס א גלעזעל „פליין" און בשעת טרינ־קען מאכט ער צו מיר:

— איך האָב נעכטען אויסגערעכענט צוזאַמען מיט מיין פרוי, אז איהר האָט שוין דערלענט צו אייער סטאָר־

— איך גיב אייך העכסטענס א מאָנאַט צייט אָנצו־האַלטען די סטאַרקע!

— און דאַן? פרעג איך ערשטוינט איבער זיין טאָן.

— דאַן, זאָגט ער, — וועט איהר מוזען ארויס פון ביזנעס, ווארום דער סטאָר, מאַכט ער, וועט זיך ניט באַצאָהלען. גוד־באַי!

און ער נעהט אוועק.

בלייב איך שטעהן און הויב אָן טראַכטען: וואָס איז דאָס פאר א מין איד וואָס זאָגט נביאות. און למאי זאָל איך מוזען אויפגעבען די ביזנעס, אז די ביזנעס געהען אָהן־עין־הרע פיין ווי גאָלד? נור פונדעסטוועגען הויבט שוין אָן שרעקען ס'הארץ, ווער ווייסט? מסתמא איז דאָך עפּעס פאראן דערביי! א מענש וועט דאָך ניט געהן גלאַט מיר מאַכען א שווער הארץ, בפרט, אז איך קען ניט דעם אידען און וויים ניט ווער ער איז!

מילא, בקיצור: עס איז אוועק א חודש צייט, און די ביזנעס האָבען זיך קיין־עין־הרע פיין אוועקגעשטעלט. די קלענסטע איינגנאהמע וואָס איך האָב געהאַט איז געווען אכצעהן דאלאר א טאָג, און לייטע האָבען מיר שוין אָנגעבאָטען אויף איהם צוויי טויזענד דאָלאר פראָפּיט, נאָר איך האָב ניט געוואָלט פארקויפען.

אויף דער פינפטער וואָך יאַוועט זיך ווידער דער פאר־שפּיצטער איד, קויפט ווידער א באקסעל סיגארעטס פאר זיבען סענט מיט מעטשעס, פאררויכערט זיך איינס, און ניט פרעגענדיג אפילו ביי מיר וואָס איך מאַך, גיט ער א זיפץ און זאָגט:

— איך גיב אייך נאָך העכסטענס צוויי מאָנאַט צייט צו עקזיסטירען. אויב ד ר י י — איז שוין א סך!

און ער נעהט אוועק.

מילא, דאָס מאָל האָב איך זיך שוין פאר זיין נביאות ניט דערשראָקען. אדרבא. עס איז מיר געפעלען געוואָרען דער עסק, ווי א פרעמדער איד זאָגט מיר אריין אין די ביזנעס... און ווי ער פּרובט טרעפען. האָב איך געלאַכט.

אויס שאפּ, אויס באָס, אויס פאָרמאַן — ווער איז צו מיר גלייך, איך בעט דיך? האָ?

אז ס'איז אוועק עטליכע טעג און די ביזנעס האָבען זיך איינגעשטעלט און איך האָב אנגעהויבען לעזען פאר טרוקענער ווארע אזוי נ ע ש מ א ק, רוף איך זיך אָפּ צו מיין פרוי: סערעה, עס געהט, דאנקען גאָט, אויף א דרך! ווערסט זעהן, זאָג איך, סערעה בראָט, אז מיר וועלען זיך דאָ איה"ש מיט גאָט'ס הילף ארויפארבייטען! די סטאָרקע, זאָג איך, איז קיין עין־הרע ניט, א גאָלדענע סטאָרקע, און ווערלינג, זאָג איך, אַן אָנפאַנג, איז דאָס ביסעל גאָר ניט שלעכט, — אָבער ג אָ ר ניט שלעכט! זאָג איך.

זאג איך אזוי צו איהר, און מיר קוועלען ווי די קינדער און מיר שפּיגלען זיך אין דער סטאָרקע ווי עפּעס אן אבן־טוב. עפּעס א קלייניגקייט: דאָס ערשטע מאָל אויף מיין לעבען, וואָס איך עס א שטיקעל ברויט וואָס עס איז ניט באַשפּיגען פון קיינעם.

איז דאָך אָבער, ווי זאָגסטו, פאראַן א אידיש פאָלק אויף דער וועלט. יאָוועט זיך צו מיר עפּעס מיט אמאָל א איד מיט א שארף פארשפּיצט בעלדעל, שארפע אויגען, א שארפען קאָפּ און... פול מיט עצות ווי א מילגרוים מיט קערלעך.

קומט אריין, קויפט א באקסעל סיגארעטלעך מיט מעטשעס און פארפיהרט מיט מיר א שמועס וועגען סטאָר — וויפיעל האָב איך פאר איהר באצאָהלט, און וויפיעל נעם איך איין א טאָג, און וואָס פאר א מין לייזעניץ איז ביי מיר און אזוי ווייטער.

מיין איך, אז ס'איז מסתמא עפּעס אן אגענטעל, זאָג איך דעם אמת וועגען אלצדינג.

הערט ער מיך גאַנץ פיין אויס, קנייטשט אלץ בעת מעשה מיט אן אוינעל, און דאַן רופט ער זיך אָפּ צו מיר מיט א טאָן פון איינעם וואָס מען איז איהם שולדיג א סך געלט און מ'גיט עס איהם נישט אָפּ:

# אַ אידישע טבע

א בילד, ווי זאָגט איהר,
פון לעבען

מיינער א לאנדסמאן דערצעהלט:

איך האָב געהאט געעפענט א קענדי סטאָר אויף רי־ווינגטאָן סטריט. וואו האָב איך גענומען געלט? — זאָלסטו נישט פרעגען. איך האָב גענומען געלט דאָרט וואו אלע אידען נעמען: ביי נאָט. איך האָב געשפּאָרט פון דעם, פון יענעם. אביסעל פון קליידונג, אביסעל פון שוכונג, אביסעל, ווי זאָגסטו, פון מויל, ביז איך האָב צו־נויפגעשלעפּט עטליכע הונדערט דאָלאר און געעפענט די סטאָרקע.

מילא, דאַרף איך דיר דאָך ניט דערצעהלען, ווי איך האָב זיך געפיהלט, אז איך בין אין א מזל'דיגער שעה ארויס פון שאָפּ! איך האָב געפיהלט, ווי איינער וואָס מען לאָזט איהם ארויס פון עפּעס א שרעקליכער תפיסה. איך האָב געפיהלט, אז איך הויב אָן לעבען נאָר אויפ'ס ניי. די שעהנע קראנקהייט וואָס איז מיר געקומען פון שאָפּ, האָט מיך איצט אָפּגעלאָזען. דער הוסט האָט אויפ־געהערט מוטשען — עפּעס ווי דערשראָקען זיך פאר דער שעהנער סטאָרקע, די ליכטיגע לאָמפּען און די בלאַנקענדע מאשינדלעך וואָס מישען די „מאָלטעד־מילק"... און די גרויסע סלאָיעס מיט פרוכט־איינגעמאכטס און די ריין־אויסגעפּוצטע „שאָו־קייסעס"...

קורץ, איך בין געוואָרען א נייער מענש — א פרייער, א לעבעדיגער, א זעלבסטשטענדיגער.

און איך האָב גענומען קלאַפּען אויפ'ן טיש — מיט'ן פויסט, אַט־אַזוי־אָ!

— שאַ! — מאַכט ער — וואָס שרייט איהר אַזוי? — דאַנקען גאָט, בראַזיליע איז אַלרייט!

— צום טייוועל מיט בראַזיליע! — זאָג איך — וואָס טויג מיר בראַזיליע, אַז א י ך ווער בדלות? און אַ חוץ דעם — זאָג איך — האָט איהר דאָך עפּעס געזאָגט, אַז די גאַנצע אורזאַכע וואָס מיינע קופּער־אַקציעס זענען אַזוי געשלאָגען, איז ווייל די בראַזילישע באַנאַנאַס האָבען דאָ אַ שלעכטען אַפּגאַנג. אָבער — זאָג איך — וואָס וועט איהר איצט זאָגען? איצט — זאָג איך — בעת דאָס גאַנצע לאַנד איז פאַרכאַפּט פון דער „עססאַבאַנאַנאַ" באַוועגונג? האַ? ווי וועט איהר איצט, זאָג איך, ערקלעהרען די אורזאַכע וואָס די קופּער־אַקציעס האַלטען אין איין פאַלען?

— וועל — זאָגט ער — ס'איז טאַקע שווער צו ער־קלערען. נאָר ווען איך זאָל איהם פאָלגען, זאָגט ער, וואָלט איך צוגעקויפט נאָך פאַר עטליכע טויזענד דאָלאַר „סטאָק" — גלאַט אַזוי פאַר שפּעקולאַציע... ווארום, זאָגט ער, אַזוי ניך ווי די אַקציעס וועלען אויפהערען צו פאַלען, איז כמעט זיכער, אַז זיי וועלען ענטוועדער בלייבען שטעהן אויף און אָרט, אָדער זיי וועלען זיך געבען אַ הויב און מען וועט, זאָגט ער, מאַכען געלט ווי בלאָטע...

— — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

דער סוף איז געווען, אַז די אַקציעס האָב איך קוים אוועקגעפּטר'ט, מיט זעכציג פּראָצענט ריינעם פאַרלוסט, אַ חוץ טראָבעל און אַ האַרץ־ווערהטאָג. און אַלעס וואָס עס איז מיר געבליבען פון יענעם „סטאָק" איז אַ פאַרדאָרבע־נער אָ ר ג אַ נ י ז ם, פון עסען צופיעל פון די פאַרפלוכטע באַנאַנאַס!..

ריג, אז ס'רוב פון די מעמבערס זיינען אליין געווען „שער־האַלדערס" פון זעלבען „סטאק" וואָס איך.

נאָך א חודש איז פאראיבער. אונזערע באַנאַנאַפּילען, האָבען דערווייל אויפגעהויבען א שטורעם אין דער פּרעסע, למאי מען עסט ניט קיין באַנאַנאַס? און למאי גיט מען נישט די קראַנקע מענשען עסען באַנאַנאַס אַנשטאַט אייער אָדער אנאנדער זאַך?

די דאָזיגע באַוועגונג, אונטערגעכאַפּט פון דער פּרעסע, האָט אָנגענומען געוואלדיגע ד י מ ע נ ז י אָ נ ע ן, ווי מען זאָגט אויף דייטשיש. „עסטאַבאַנאַנאַ!" איז געוואָרען א שלאָגוואָרט. א פאַראַלע. א קענצייכען צווישען לאַדזשענ־ברידער, די „עסטאַבאַנאַנאַ" באַוועגונג, האָט זיך ווי א גרויס וואַלד־פייער אויסגעשפּרייט און ארומגעכאַפּט ס'גאַנצע לאַנד. אין אלע וואָדעוויל־הייזער האָט מען גע־זונגען „עסטאַבאַנאַנאַ"! אלע פאָנאָגראַפען האָבען עס גע־שפּיעלט, און גרויסע טענצערקעס, ווי די דאַנקאַן, האָבען דאָס אויסגעטאַנצט בארפיסערהייד, אין עטליכע אַקטען...

די גרעסטע מענער פון לאַנד זיינען געוואָרען „עסטאַ־באַנאַנאַניסטען" אָדער באַנאַנאַפּילען. די פיינסטע דאַמען האָבען זיך ניט ארויסגעריהרט פון הויז אָהן א קוישעל מיט באַנאַנאַס.

קורץ אונזער קליינע באַוועגונג האָט געבראַכט גרויסע פרוכט. דער האַנדעל מיט באַנאַנאַס האָט זיך אונגעהויער געהויבען, איז חשוב'ער געוואָרען, אָבער צום „סטאַק" אונ־זערען, האָט דאָס ניט געהאָט. ער האָט זיך געטון זיינס: ער איז זיך געפאַלען...

בין איך ווידער אוועקגעלאָפען צום מעקלער צו פרע־געם און גע'טענה'ט:

— סטייטש, וואָס וועט זיין דער סוף פון דעם פאַלען וואָס מיין „סטאַק" פאַלט? גוואַלד, איך ווער דאָך בדלות — ווער איך דאָך!

איך האָב איהם אָנגערופען מיט א געוויסען נאָמען און בין אוועק.

און מיין „סטאַק" האָט זיך דערוויילע געטון זיינס: ער איז געפאַלען...

אין א משך פון עטליכע חדשים איז ער ארונטערגעקר־מען אויף פופציג פּראָצענט פון דעם פּרייז, אויף וועלכען איך האָב געקויפט. און איך האָב גענומען זיך שטאַרקער פאראינטערעסירען אין — בראזיליען און אין באַנאַנאַס. צום טייוועל! וואָס איז דאָס פאר א שנאָררערישע מדינה — דאָס בראזיליע? און פאַרוואָס איז זי כסדר אין אזא גע־דריקטער לאגע?

אזוי האָב איך געטראכט. אָבער ביי טראַכטען אליין איז דאָס נישט געבליבען. איך האָב באשלאָסען, אז איך מוז עפּעס טון דירעקטעס, אום צו העלפען פארבעסערען די לאגע פון מיינע בראזיליאנישע ברידער און דורך זיי — אויך די צרה'דיגע לאגע פון מיין „סטאַק". וועלכער האָט זיך אראָפּגעלאָזען צו דער לעצטער שטופע.

צו דיזען צוועק האָב איך אָרגאניזירט א פאַראיין מיט'ן נאָמען „די באַנאַנאָפילען". דער צוועק פון דיזען פאַראיין איז געווען צו זעהן, אז יעדער מעמבער זאָל עסען אזוי פיעל באַנאַנאַס ווי מעגליך, און אויב מעגליך נאָך א ביסעל מעהר.

א נאָבעלער צוועק!

אין דער צייט פון עטליכע וואָכען זענען זיך די „באַנאַ־נאָפילען" עטליכע מאָל צונויפגעקומען. אין א קעלער וואו מען קולטיווירט באַנאַנאַס, וואו מען „גרינט" זיי אויס הייסט דאָס. דאָרטען האָבען מיר זיך צוערשט גוט אָנגע־שטאָפּט מיט די פעטע פּירות, דאַן האָבען מיר גענומען פיהלען שלעכט און אגיטירען פאַר אויפהויבען א נאַציאָ־נאַלע בעוועגונג צו גונסטען דעם באַנאַנאָפילוזמוס.

ס'איז איבריג צו זאָגען, און אפשר איז דאָס ניט איב־

זיבעץ — און אז. וו. ביז ענדליך איז אראָפּגעקומען אויף פינף־און־דרייסיג פּראָצענט בילינגער ווי איך האָב געקויפט.

איך האָב גענומען ארומגעהן צווישן די פּושקארט־פּעדלער׳ס און זיך נאָכפרעגנען אויב זיי קויפען באַנאַנאַס און וויפיעל? און אויב יע, צו קויפען זיי די בראזיליאַנישע יאטען, מיט די געפּלעקטע בייכלעך, ווי יאשטשערקעס...

די פּעדלערס האָבען מיך אָנגעקוקט מיט גרויס סימ־פּאַטיע און מיר ס׳רוב געענטפערט. אז די ביזנעס זענען אין דר׳ערד ווי א בארג, און וואָס שייך בראזיליע מיט איהרע באַנאַנאַס, מעג זי זיך אָנצינדען ווי א ליכט...

— פּאַרוואָס?

— גלאָט אזוי. אָהן שום אורזאכע..

אז איך האָב דאָס דערהערט, בין איך אוועקגעלאָפען צו מיין מעקלער און איהם געזאָגט:

— בראזיליע מעג ברענען ווי א ליכט — פּארקויפט מיין „סטאָק“, און לאָז דאָס נעהמען א סוף!

ער האָט אָבער געזאָגט:

— ווייסט איהר, וואָס איכ׳ל אייך זאָגען? איצט איז די ריכטיגע צייט צו ק ו י פ ע ן פרישען „סטאָק“. פאָלגט מיך און קויפט צו נאָך א דריי־פיער שעהרס, וועט איהר נתעשר ווערען.

— הינו. וואָס איז דער שכל?

— דער שכל איז — מאכט ער — אז באַנאַנאַס מוזען ענטוועדער נעראָטען, אָדער ניט. אויב זיי געראָטען ניט, דאַן האָבען מיר שלעכטע באַנאַנאַס און דער „סטאָק“ פאַלט, אויב עס געראָט, דאַן —

— דאַן פאַלט ער סיי־ווי־סיי! — העלף איך איהם ארויס...

— חכמות אָן א זייט! — מאכט ער — ווארפט אריין נאָך א פּאָר טויזענד דאָלאר אין „סטאָק“. וואָס קענט איהר פּארלירען?

מאכען מיליאָנען אויף אַ פּיינעם, עהרליכען און ציכטיגען אופן? האַ?

אָבער מערקווירדיג — אָדער בעסער געזאָגט: ס'איז גאַנץ נאַטירליך, אז אזוי ניך ווי איך האָב איינגעהאַנדעלט מיין „סטאָק", האָט ער גענומען זינקען... פאלען... און אזוי איז ער געפאלען און געזונקען פון טאָג צו טאָג. דאָס פאַלעניש פון מיין „סטאָק" איז געווען אזוי שנעל און אזוי טיעף, אז איך האָב עס קוים געקענט כאַפּען מיט'ן אויג. צי איז דרויסען האָט געדענענט, צי עס האָט געשיינט די זון — מיין „סטאָק" האָט זיך געטון זיינס: ער איז גע־פאלען...

איך בין אוועק צו מיין מעקלער און איהם געזאָגט:

— מיסטער, וואָס וועט זיין דער סוף פון דעם פאלען, וואָס מיין „סטאָק" פאלט?..

און ער האָט מיר געענטפערט פּאָדראָבנע, אראָפּ־שנעלענדיג בשעת מעשה, מיט א פינגער די אשעס פון זיין פיינעם ציגאַר:

— די איצטיגע לאַגע איז א גאַנץ נאַטירליכע. דאַרין איז שולדיג — בראַזיליע...

און ער האָט מיר ערקלערט, אז אזוי ווי די בראַזי־ליאַנישע לאַגע איז איצט א שווערע, די באַנאַנאַס זענען דאָרטען נישט געראָטען, רופט זיך דאָס געמליך אָפּ זעהר שלעכט אויף דער קופער־אינדוסטריע, און פאָלגליך אויך אויף אונזערע קופערנע „שעהרס" אָדער „שעהרען".

הייסט עס אלזא — האָב איך געזאָגט צו זיך — אז מיין גאַנצער שיקזאַל איז איצט אָפּהענגיג פון בראַזיליע און פון איהרע באַנאַנאַס. גוט. איך וועל אלזאָ האַלטען אַן אויג אויף בראַזיליע און זעהן וואָס איך קען טון, צו פאַר־בעסערען די לאַגע פון איהרע באַנאַנאַס!

אזוי האָב איך געטראַכט. אָבער דער „סטאָק" האָט זיך געטון זיינס: ער איז געפאלען מיט א מערקווירדיגער שנעלקייט. צוערשט מיט א פינף פּראָצענט, דאַן זעקס, דאַן

# די עסטאַבּאַניסטען

אַנ'אויסגעטראַכטע מעשה, וואָס
ס'איז אין איהר נישטאָ קיין
וואָרט אמת.

מען האָט מיר איינגעשמועסט, אז איך זאָל קויפען „סטאק“ פון א געוויסער קופּער־געזעלשאַפט. איך און — „סטאַק“ זענען איינענטליך נישט קיין נאָהענטע פריינט. מען קען זאָגען: נאָר ווייטע קרובים, אָבער אזוי ווי עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען מאַכען א פּארמעגען (אזוי האָט מיר דער אגענט איינגערעדט!) בכן, האָב איך נענומען מיינע פּאָר הונדערט דאלאר, זיי אריינגעוואָרפען אין „סטאַק“ און געוואַרט אויף די מינוט, ווען אַ שליח וועט מיר קומען אָנזאָגען:

— איך האָב די עהרע צו מעלדען, אז איהר זענט שוין ענדליך א מיליאָנער — דאַנקע שעהן!

האָב איך געוואַרט. געדולדינ נעוואַרט. האָפנונגספול געוואַרט. געוואַרט, אז אָט־אָט וועט זיך א הויב טון די בערזע און איך וועל ווערען איינער פון די גרויסע מיליאָנערען — איהר זאָלט מיר ענטשולדיגען פאַר דעם אויסדרוק.

דער „סטאַק“ מיינער האָט נעצאָהלט א דיווידענט פון צעהן פּראָצענט און האָט נעקאָסט פינף הונדערט דאלאר א „שעהר“. איך האָב נעקויפט פינף „שעהרס“, אָדער „שעהרען“, פאַר פינף־און־צוואַנציג הונדערט דאָלאַר, מעהר האָב איך נישט געהאַט, אַז נישט וואָלט איך געוועזן נעקויפט נ אָ ך. ווארים, ווער קען מיך צוריקהאַלטען פון

זעהר בילינ, זעהר בילינ. דערפאר אָבער האָט עס געהאט א שטיקעל חסרון, א שטיקעל חסרון. אזוי גיך ווי דאָס הויז איז אין גאנצען פארטיג געוואָרען, פארטיג געוואָרען, איז אָנגעקומען א לייכט שטורעמווינטעל און האָט עס אוועק־געטראָגען, אוועקגעטראָגען.. און ביז היינטיגען טאָג האָב איך נאָך ניט געפונען מיין פראכטיג הויז, וואָס איז אויפ־געבויט געוואָרען פון שנעלע באלמעלאָכעס, פון שנעלע באלמעלאָכעס...

דריי אידען גראָבען די ערד לעבען מיין הויז מיט שרוי־פענציהער און די איבריגע אידען זיינען באַשעפטיגט מיט ארויפקלאַפּען אין פראָנט פון מיין הויז עפּעס מאָדנע פּייערסקעיפּס, וואָס זיינען געמאַכט פון רויטע פּאַפּענ־דעקלעך... און מיין הדרת־פּנים'דיגער שטעהט אין דער זייט, און מאַכט זיך — מיט דער האַנט — א ציגארעטעל פון יוראָפּשען טאַבאַק...

— מיסטער, זאָג איך צו איהם — וואָס הערט זיך מיט'ן הויז? ווי בויעט זיך עס?

— א דאַנק! — מאַכט דער איד, און לעקט־אָפּ בשעת־מעשה די ברעגעס פון ציגאַר־פּאַפּיר — סע געהט, מאַכט ער, דאַנקען גאָט, ווי געשמירט. מיר האַלטען שוין, מאַכט ער, ביי די פּייער־סקייפּס... איצט, מאַכט ער, דאַרף מען נאָך א לייג טון די פּלאָמבינגג, וועט שוין זיין א"יה אַלצדינגג פאַרטיג... אגב, זאָגט ער, איהר זעהט יענע דריי אידען, וואָס גראָבען די ערד מיט שרויפּענציהער?... דאָס גראָבט מען, מאַכט ער, די וואַסער־לייטונגג...

— פאַר וואָס־זשע גראָבען זיי נית מיט קיין רידלען?

— פרעג איך — פאַר וואָס עפּעס מיט שרויפּענציהער?

— דאָס איז דערפאַר, מאַכט ער, ווייל די דאָזיגע דריי אידען זיינען בעסער איינגעטרייעט, מאַכט ער, צו ארבייטען מיט שרויפּענציהער, ווי מיט רידלען. זיי זענען, מאַכט ער, שניידערס... טייערע שניידערס, מאַכט ער, ווי גאָלד... דעם דאַך, מאַכט ער, האָבען זיי אויך גע־לייגט... גאָלדענע הענט — מאַכט ער און ווייזט אויף די דריי אידען — אַלצדינגג קענען זיי... און זיי ארבייטען, מאַכט ער, זעהר שנעל...

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

דער סוף איז געווען (אזוי וועט ענדיגען מיין חבר ה. ה. וואָס וועט מיר איבעראַכטאָג פּרייטאַג, אז מע'ט דערלעבען, צושיקען די אויבענדערמאָנטע הומאָרעסקע), דער סוף איז געווען, אז דאָס הויז האָט מיך טאַקע געקאָסט

— אקוראט אויפ'ן דאך?! — איז דער בוימייסטער מבטל מיין טענה — ווײַלע וואָס איז? — מאכט ער — באשער די גוים האָבען זיך גענומען א מאָדע צו שטעלען די קוימענס אויף די דעכער דארפען זיי די אידען נאָכ־טון... ס'איז בכלל, זאָגט ער, א גוי'שער מנהג... א חוץ דעם, מאכט ער, איז גלאט נים פראקטיש צו לאָזען אזא קוימען שטעהען אין דרויסען... עס איז, זאָגט ער, צו א מ י י ע ר ע ר קוימען...

— אָבער — טענה איך — ס'דארף דאָך זיין פון וואנעט ארויסצולאָזען דעם רויך פון שטוב, צי ניין?

— וועלל, מאכט דער גרויסער ארכיטעקט — וואָס שייך דעם רויך קען מען איהם ארויסטרייבען פון שטוב מיט א יארמולקע... נאט אייך, זאָגט ער, מאקע מיין יאר־מולקע, און לאָז, זאָגט ער, זיין געצעטעלט א ביזנעס. ווי מ'זאָגט, זאָגט ער, באנאך אין אמעריקא...

און זיך ווענדענדיג צו זיינע ארבייטער, מאכט ער: אידען, מע'ט שוין היינט נים קענען פינדישען ס'הויז... ס'איז שוין צו שפעט... מיר'ן עס אָפּלעגען אויף מאָרגען... און אגב, זאָגט ער, ווער פון אייך אידען איז א פלאָמבער? סע וואָלט געווען נים שלעכט, מאכט ער, אז די פלאָמ־בינג זאָל געמאכט ווערען פון א פלאָמבער — הא? — ווענדט ער זיך צו די ארבייטער — וואָס זאָגט א י ה ר?

— מיר זאָגען, רופען זיך אן די בכבוד'ע אידען מיט א י י ן קול — אז ס'איז אלץ נ אָ נ ס ע נ ס ש' ב נ אָ נ ־ ס ע נ ס. מיר האָבען שוין, מאכען זיי. אין אונזער לעבען נעטון וואזשנערע זאכען ווי פלאָמבעריי...

— מיינט איהר־זשע, הייסט דאָס, — רופט זיך אָפּ דער בוי־מייסטער — ס'איז א לאו דוקא, אז א הויז מוז געפלאָמבערט ווערען פון א פלאָמבער? אויב אזוי, מאכט ער, קענט איהר געהן אהיים און קומען אי"ה מאָרגען גאנץ פריה, כלחוך, און האָט זיך מיר דערוויילע. מאכט ער, א גוטינקע נאכט. גודנייטאָל! און ער פארשווינדט.

צו מאָרגענס איך קום צוגעהן צום הויז זעה איך ווי

אידען טראָגען שוין — אויף די הענט — א פרישען קוימען און מ'וויל איהם ערגיץ וואו־ניט־איז אוועקשטעלען...

— מיסטער, שטעל איך אָפּ דעם הדרת־פּנים'דיגען בוי־אונטערנעהמער — מיסטער, וואָס האָט איהר מיר איבערגעקעהרט דעם דאַך — וואָס האָט איהר מיר?...
איהר האָט דאַך איהם, זאָג איך, געלעגט אויף דער לינקער זייט...

— טאַקע? — פאַר'חידוש'ט זיך דער איד — מיר האָבען איהם געלעגט אויף דער לינקער זייט? ווי קומט עס?

— טאַקע, זאָג איך, ווי קומט עס?

— נו, מאַכט דער איד און גלעט זיך די שעהנע, די יום־טוב'דיגע באָרד — פארפאלען. לאָז שוין, מאַכט ער, בלייבען ווי עס איז, מע'ט זיך — מאַכט ער — ניט געהן באַדערען... א חוץ דעם — מאַכט ער — מאַכען מיר אייך די ארבייט פּלענטי גענוג ביליג... קען מען ניט זיין פּריטיקלע — קען מען נישט...

— און וואו'טיר שטעלען דעם קוימען? — פרעג איך — און ווייז אָן אויף די צוויי אידען וואָס טראָגען דעם קוימען אויף די הענט און ווייסען ניט אויף וועלכען אָרט איהם אָפּצולייגען.

דער גרויסער בוי־מייסטער האָט זיך א ווײַלע פאַרטראַכט, אונטערגעבויגען מיט דער לינקער זייט פון דער רעכטער האַנט א שפּיץ פון זיין בית־המדרש הנדול'דיגער באָרד און געזאָגט:

— מיט'ן קוימען איז טאַקע אביסעל טראָבעל...
אויפ'ן דאַך — מאַכט ער — קען מען איהם נישט שטעלען, ווייל ער'ט אראָפּפאלען, וועט מען איהם מוזען — מאַכט ער — האַלטען אין שטוב...

— וואָס טויג מיר, זאָג איך, דער קוימען אין שטוב, אז איך דאַרף איהם נאָר האָבען אויפ'ן דאַך...

— אידען, לאָז מען זיך אַ נעם טון צום פונדאַ־מענט — לאָז מען זיך! — האָט באַפוילען דער הויפּט בוימייסטער, אַ הדרת־פּנים'דינער איד מיט אַ ריפּסען אויבערערקעל.

באַלד האָבען זיך עטליכע אידען צעווינט, אָנגעשפּי־גען אין די הענט און גענומען — מיט די נ ע ז ע ר פון זייערע שיך אויסקאַפּען אַ פונדאַמענט...

אין אַ האַלבער שעה ארום האָט דער הדרת־פּנים'די־נער בוימייסטער געגעבען אַ באַפעהל:

— פּלענטי גענוג געגראָבען אידען! איצט גיט זיך אַ נעם בויען די ווענט...

— און וואו'טינעהמען וואַפּנע און צעמענט? — האָט נעפרעגט איינער פון די שנעלע באַלמעלאָכעס...

— וואַפּנע און צעמענט? — האָט איבערגעפרעגט דער הדרת־פּנים'דינער.

— שאַ, וואו'טינטאַקע נעהמען וואַפּנע און צעמענט? ס'איז איהם נאָר ארויס פון מח — מאַכט ער — אַז מען דאַרף האָבען וואַפּנע און צעמענט. נאָר וואָס זשע רען —

— נאָר וואָס־זשע רען? — זאָגען איהם נאָך די באַלמעלאָכעס.

— נאָר וואָס־זשע רען, זאָגט ער — מ'איז דאָך עפּעס אידען, איז'ן דאָך עפּעס. 'עט מען זיך געבען אַן עצה — 'עט מען זיך. מע'ט קלעפּען מיט טריפּוואַקס... 'עט מען קלעפּען. ער האָט ביי זיך אַ שאַכטעל טריפּוואַקס...

אין פינף שעה ארום איז געווען צונויפגעטריפּוואַקסט פיער ווענט און די שנעלע באַלמעלאָכעס האָבען זיך גע־נומען לעגען דעם דאַך, מיט גרויס בריה'שקייט, נור אַנ־שטאָט צו לעגען מיט'ן פּנים ארויף, האָבען זיי געלעגט דעם דאַך — פאַרקערט, אויף דער לינקער זייט, הייסט דאָס...

אז איך בין נעקומען צוגעהן פאַרנאַכט זעהן, ווי ס'האַלט מיט'ן בויען האָב איך צו מיין גרויס וואונדער דערזעהן, אַז דער דאַך איז שוין געלעגט און אַז צוויי

# שנעלע באַלמעלאָכעס

מיינער א חבר מיט'ן נאָמען ה. ה. וועט מיר איבער־אכטאג פרייטאג, אז מע'ט דערלעבען מיט געזונט, ארײנשיקען דורך פאסט די פאלגענדע געשיכטע:

איך האָב מיר געוואָלט בויען א הויז. א הויז. האָב איך מיר אָנגעגרייט די נויטיגסטע מאטעריאלען, מאטע־ריאלען. אלץ וואָס מיר האָט געפעהלט איז געווען: באַל־מעלאָכעס, באַלמעלאָכעס.

האָב איך געטראָפען א גוי א בוימייסטער, א בוי־מייסטער. האָט יענער גערעכענט דריי טעג, דריי טעג, און מיר געזאָגט, אז די ארבייט וועט מיך קאָסטען צוויי טויזענד מיט ניין דאלאר מיט ניין־און־אכציג סענט. איז דאָס געווען פאר מיר צופיעל, צופיעל. האָב איך געשיקט נאָך א אידישען קאָנטראקטאָר — א אידישען. האָט ער נישט לאנג געקלערט, און אפילו נישט בארעכענט אויף פאפיר, נור גלאָט אזוי ארויסגעזאָגט, אז ער וועט מאכען די גאנצע ארבייט פאר זעקס הונדערט קארבען — פאר זעקס הונדערט קארבען, און ער האָט טאקע באלד צו־נויפגעפייפט א פאָר טוץ אידען פון עסעקס קאָרנער העסטער מיט אלערליי קאשקעטען און געצייג און מען האָט זיך געשטעלט צו דער ארבייט. צו דער ארבייט.

עטליכע אידען האָבען — אויפ'ן באפעהל פון זייער קאָנטראקטאָר — אויסגעמאָסטען דאָס שטיק ערד מיט א שניידערשען ארשין, דאן האָבען זיי אָפגעצייכענט די געוויסע ערטער מיט דעם שארף פון זייערע שיך־קנא־פעלס און מען האָט זיך געשטעלט בויען — האָט מען זיך געשטעלט.



דער שפּיגעל האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט און
געזעהען, אַז ס'איז נישטאָ וואָס צו זעהן:
דער ליידיגער שפּיגעל.

דער שפּיגעל וואָס גלאַנצט —
בלאָה קעגען הימעל.
רויט קעגען דער זון.
שטראָמיג קעגען וואַסער־שטראָם.
גרין קעגען די ביימער.
דער שפּיגעל האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט
און געזעהן —

אַז זיין גאַנצע אָפּשפּיגלונג איז נישט
זיינע, נאָר עמיצען אַנדערש'ס.

אַז עמיצער, א פרעמדער, מוז שטעהן
צווישען איהם און זיין אָפּשפּיגלונג און
איהם געבען פאַרב, אינהאַלט.

אַז אָהן דעם פרעמדען אויג, וואָס שפּי־
געלט זיך אָפּ אין איהם איז ער — דער
שפּיגעל, בלינד און שטום און טויט.

דער שפּיגעל האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט און
ער האָט געזעהן אַז ס'איז נישטאָ וואָס צו
זעהן.

און דער אַלצאָפּשפּיגלענדיגער שפּיגעל
איז אומעטיג געוואָרען.

LIBRARY
OCT
1976
UNIVERSITY OF TORONTO

Copyright, 1919.
by
MOISHE NADIR,
(Isaac Reiss)

PJ
5129
N2
O9

PINSKI-MASSEL PRESS.
24 BOWERY, NEW YORK

# אויף געלעכטער

משה נאדיר

ערשט בוך

פארלאג „ווערבע"
ניו יארק, 1919

PLEASE DO NOT REMOVE
CARDS OR SLIPS FROM THIS POCKET

UNIVERSITY OF TORONTO LIBRARY

PJ Nadir, Isaac [illegible]ishe
5129 Oyf gelek[illegible]er
N2
09